START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1877.6

Feinman, Sigmund.
Shabes koydesh, oder, Hayah Shma‘yah: historishe operete in fir akten.
Varsha, 1908.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1877.6

Feinman, Sigmund.
Shabes koydesh, oder, Hayah Shma'yah : historishe operete in fir akten.
Varsha : Yudishe teater-bibliotek, 668, 1908.
54 p. : port. ; 21 cm. Yudishe teater bibliotek ; No. 14

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Shabat kodesh. II. Poland-Warsaw

ID: NXYH02-B1886 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /106126e

Reduction ratio X 10.0

שַׁבָּת קֹדֶשׁ

אדער

חַיָּה שְׁמַעְיָה

הִיסְטָארִישֶׁע אָפֶּערֶעטֶע אִין 4 אַקְטֶען.

פון

ז. פיינמאן.

פרייז 30 קאפ.

ווארשא תרס"ח

דרוק. נ. סטאראוואלסקי, ווארשא גענשא 18.

Шабот Кодеш

или

Хае Шмае

Историч. оперета 4-хъ дѣйствіяхъ

Варшава, 1908.

Тип. Н. Старовольскаго. Варшава, Гусья 18

יודישע
טהעאטער-ביבליאטעק
№. 14.

Perl
127

די פערזאנען:

פיליפ דער ערשטער:	קעניג פון שפאניען
גראף אמבראזי:	זיין לייב=ארצט
פערנאנדא דע קאסטיליען:	גוטס=בעזיצער, גראף
העלענא:	זיין שוועסטער
אלווארעץ:	דינער ביי פערנאנדא
ר' ליב ספרדי:	
שושנה:	זיין טאכטער
יאזעף:	איהר חתן
חיה:	דינער ביי ספרדי
שמעיה:	

יעגער, יודען א. ז. וו.

די זאך קומט פאר אין שפאניען.

ערשטער אקט.

א פרעכטיגער גארטען ביי פערנאנדא. דער גארטען פערפוצט מיט לאמטערנען, לינקס א טהיר פון פאלאסט, רעכטס א גרויסער טראהן. דער ארקעסטער שפילעט דעם מארש פארטא. נאך א פויזע ערשיינט אלווארעץ אויף דער ביהנע, קוקט אין אלע זייטען, זיפצט, מוזיק שפיעלט פיאנא.

אלווארעץ: ווי שעהן ווי געשמאקפאל איך האב דאס אלעס איינגעריכטעט, וועט עס וועניגסטענס דער יונגער גרעפין געפעלען? (זיפצט) הא! הא! ערשט נעכטען האב איך זי דאכט זיך אויף מיינע הענד געטראגען, אט אזא פיציעניונקעלע געוועזען, און אט פייערן מיר שוין איהר 20 יעהריגען געבורטס=טאג. אבער וואס העלפט דאס, אזוי רייצענד, אזוי שעהן, אזוי געבילדעט; איהר ברודער דער גנעדיגער גראף פון קאסטיליען איז דער רייכסטער מאן אין שפאניען, צו איהרע פים ליגען פירסטען און פרינצען, אבער זי וויל מיט קיינעם ניט הייראטהען. אונגליקליכעס קינד! דער אלטער אלווארעץ ווייסט דיין געהיימניס, דיין לעהרער, דער יודע, יאזעף!!! א הייליגע מוטער גאטעס, וואס פאר א אומגליק... הא, זי קומט!

(פון פאלאסט קומט אריין העלענא רייצענד געקליידעט, אלווארעץ פערשטעלט איהר דעם וועג מיט א בוקעט) צו דיין געבורטס=טאג מיין טייערע גרעפין, האב איך דיר דיעזען בלומען=בוקעט געבראכט פון 20 ליליען, אזוי ריין זאל זיין דיין יונגעס הערץ און אזוי בליהען זאלסטו ווי דיעזע בלומען...

העלענא: בלומען?.. ריינע אונשולדיגע בלומען? פאר מיר? גוטער אלווארעץ, מיין איינציגער אלטער פריינד. אין מיין הערצען וואקסען דערנער, גיפטיגע דערנער, אוי איך בין אזוי אומגליקליך (וויינט אויף זיין ברוסט).

אלווארעץ: אוי, וויין ניט, וויין ניט, איך וועל דאס ניט אויס=האלטען, זעה, טייערע גרעפין! די שעהנסטע, די רייכסטע, די גליקליכסטע פון אונזער לאנד.

העלענא: די גליקליכסטע? (וויינט) אוי מיין פריינד, דו ווייסט ניט, דו ווייסט ניט!!!

אלוואַרעץ: איך וואַס ניט? איך? אַזאַ אַלטער גנב ווי איך בין, וואַס ניט? אַ הייליגער פּעטרוס! נאָך איידער איך בין געבאָרען געוואָרען האָב איך דאָך שוין געוואוסט, וואָס אויף דער וועלט געהט פאָר, אָבער דאָס האַרט דאַרפסטו אויף דיינע ליפּען ניט ברענגען.

העלענא: (בעז) איך דאַרף ניט? איך? ווער וועט מיך דערין הינדערן? ווער פרעג איך?

אלוואַרעץ: שריי דאָך ניט אַזוי מיין קינד, דיין ברודער, דער הערר גראַף... דאָך זעה גנעדיגע גרעפין, דרויסען איז אַ גאַנצע מאַסע פערזאַמעלט, וועלכע קומען דיך צו גראַטולירען צו דיין געבורטס-טאָג, זאָל איך זיי אַריין-לאָזען?

העלענא: געוויס! און פאַר דיינע בלומען דאַנק איך דיר פון גאַנצען הערצען, ליעבער אַלטער פריינד.

אלוואַרעץ: (רופט) קומט אַריין מיינע דאַמען און הערען, קומט אַלע אַריין (אויפטריט כאָר).

איינער: עס לעבע די גרעפין העלענא!

אלע: הורראַ! הורראַ!

כאָר:
מיר ווינשען דיר אַלע אַ לאַנגעס לעבען,
גליק, געזונד און אויך זעהר פיעל שטרעבען.
לעבע לאַנג האַרפען קלאַנג
לעבע לאַנג, יאַ לעבע לאַנג.

2 דאַמען:
פון דעם וואַלד דעם זיסען
וואָס קוואַלען וואַסערלאַך דאָרט פליעסען,
דיר צו געניסען
פאָן דעם דופט דעם זיסען.
בליהען זאָלסטו ווי זיי
בליהען ווי זיי.
דיין יוגענד, דיין יוגענד
זאָל זיין וויים ווי שניי.

2 מענער:
מיר ברענגען דיר פיעל פרוכטען
פאָן די גערטנער ריינסטע,
מיר ברענגען דיר פיעל טרויבען
אַלעס פון די פיינסטע
ווי געשמאַק און ווי זיס
און ווי אויך פון די שענסטע,
דאָס לייגען מיר צו דיינע פיס.

כאָר: מיר ווינשען א. ז. וו.

2 דאַמען:
אויך דער אָדעל און די יוגענד
קאָממען וויר דיר צו בעגריסען
אַך ווי שעהן דו ביסט און ווי רייצענד
זאָלסט דאַפיר נור גוטס געניסען.
מיר בעגריסען מיט געזאַנג
אַלע דיך דאָ אַצונד.
יאַ, מיר ווינשען אַז דו זאָלסט לעבען לאַנג,
אַך דו עדעלעס פירסטען קינד.

2 מענער:
פון אונזער לאַנד
פון אונזער לאַנד
ביסטו דאָך דאָס שעהנס-ע קינד.
יאַ נאָר לעבען, יאַ נאָר לאַכען
גליקליך זיין נאָר ווי אַצונד.
יאַ נאָר לעבען, יאַ נאָר לאַכען
ביסט ביי אונז דאָס שעהנסטע קינד.

כאָר: מיר ווינשען א. ז. וו.

2 דאַמען:
סקולפּטור אונד קונסט
פון דעם גאַנצען לאַנד
צו בעטראַכטען דיך קאָמען וויר,
די אַלע קונסטע מיט איינעם באַנד
האָט די נאַטור פעראייניגט אין דיר.

1-טע:
ווען איך וועל מאַהלען
בליק איך אָן דיר,

2-טע:
דיינע רייצענדע פאָרמען
העלפען אויך מיר יאַ.

ביידע:
סקולפּטור אונד קונסט
פון דעם גאַנצען לאַנד
צו בעטראַכטען דיך קאָממען וויר,
די אַלע קונסטע מיט איינעם באַנד
האָט די נאַטור פעראייניגט אין דיר.
דרום לעבע לאַנג, דרום לעבע לאַנג,
דרום לעבע לאַנג מיט האַרפען קלאַנג.

כאָר:
מיר ווינשען אַלע אַ לאַנגעס לעבען
גליק, געזונד און אויך פיעל פרייען.
לעבע לאַנג, האַרפען קלאַנג
לעבע לאַנג יאַ לעבע לאַנג.
האָך זאָל לעבען אונזער גרעפין ווינשען מיר
מיט פריידע גראַטולירען קאָממען אַלע היער,
יאַ בעגריסען מיט געזאַנג

אונד מיט שׁעהנען האַרפֿען קלאַנג
ווינשען אַלע יעצט
דו בּיסט בּײַ אונז געשעצט
יאַ בּעגריסען מיט געזאַנג
אונד מיט שׁעהנען האַרפֿען קלאַנג.
האָך זאָלסטו דאָ לעבּען
יאַ לעבּען נאָר לאַנג.

דאמען: גראַטולירען דיך צו דײַנעם פֿעסט
קאָממען וויר אַלע דײַנע געסט

מענער: צו דײַן געבּורטסטאַג ווינשען דיר געזונד

דאמען: יאַ נאָר לײַבּטען ווי שטערען
ווינשען מיר דיך גערן
דו בּיסט דאָך דאָס שׁעהנסטע
פֿירסטען קינד, פֿירסטען קינד!
דרום שרײַט אַלע, וויוואַט!
איהר אַלע ליעבּע לײַט
גליקליך לעבּען זאָל גאָט איהר געבּען
דאָס איז דעם מענשענס שטרעבּען, יאַ,
הורראַ, הורראַ, נאָר מיט געזאַנג
הורראַ, הורראַ, מיט האַרפֿען קלאַנג
הורראַ, הורראַ, די גרעפֿין לעבּע לאַנג
הורראַ, הורראַ, מיט האַרפֿען קלאַנג
הורראַ, הורראַ, ווינשט אַלע לעבּען
יאַ לעבּען לאַנג, לעבּע לאַנג.

(אַלע מאַרשירען אָבּ.)

העלענא: (בּלײַבּט מיט'ן קאָפּ צווישען די בּלומען) מײַן האַרץ איז ווײַט, לײַדינג און פֿערלאָסען פֿאַר יעדע פֿרײַדע, דיזע אומגליקליכע ליעבּע פֿערצערט מיך, אָ יאָזעף! יאָזעף! אַלע שפּראַכען דער וועלט בּיסטו מעכטיג, נור די שפּראַכע דעם הערצענס ווילסטו ניט פֿערשטעהן, מײַן האַרץ ווערט צעררייסען און ער זעהט ניט, עס פֿערבּלוטעט און ער וויל מײַנע לײַדען ניט בּעגרײַפֿען. אָ מײַן הערץ! מײַן הערץ! (אויפֿטריט אַלוואַרעץ).

אַלוואַרעץ: גנעדיגע גרעפֿין!

העלענא: וואָס ווילסטו דאָ?

אַלוואַרעץ: סוזאַנאַ די טאָכטער פֿון דעם הערן אַרענדאַטאָר וויל דיך זעהען.

העלענא: זי זאָל קומען (אַלוואַרעץ אָבּ). זי איז דאָ? זי, די בּרויט פֿון מײַן געליעבּטען יאָזעף? יאַ, זי איז מיט איהם פֿער-

לאָבּט, אָבּער ניט פֿערהײַראַטעט, און הײַראַטען דאָס זאָלען זיי נימאַלס! חיי אַנגערײַצטע לעווין וועל איך מיט איהר אום דיזע ליעבּע קעמפֿפֿען, מײַנער איז ער און מײַנער זאָל ער בּלײַבּען אָדער צוזאַמען מיט מיר אונטערגעהן (הינטער די קוליסען זינגט שושנה):

שושנה: איך קאָם מיט מײַן ווילען פֿרײַ,
צײַגען ווי איך בּין איהר טרײַ
די עדעלע פֿירסטין
זעגנען אונד גראַטולירען צום פֿעסט
דריקען איהר פֿרײַנדליך די האַנד
רעדען מיט איהר בּײַנאַנד, זיי געגריסט!

(אויפֿטריט שושנה מיט בּלומען, קניעט).

העלענא: (בּעטראַכט זי) נון, וואָס פֿיהרט דיך צו מיר?

שושנה: איבּערפֿילט פֿון פֿרײַד איז מײַן האַרץ אין דעם הײַנטיגען טאָג, ווען מײַן גנעדיגע גרעפֿין פֿײַערט איהר געבּורטס-טאָג, נאָך גרעסער וועט מײַן פֿרײַד זײַן, ווען זיי וועלען מײַן קלײַנעם געשענק אָננעהמען.

העלענא: (נעהמט די בּלומען) דאַנקע! האָסטו זאָנסט נאָך אײַנע בּיטטע?

שושנה: יאַ גנעדיגע גרעפֿין, אָבּער נישט פֿאַר מיר, נור פֿאַר אַ אַנדערן.

העלענא: ווער איז דער אַנדערער?

שושנה: מײַן פֿאָטער, גנעדיגע גרעפֿין! איהר ווײַסט דאָך וואָס פֿאַר אַ עדלער צערטליכער גוטער מענש מײַן פֿאָטער איז, ער האַלט די אַרענדע פֿון אײַער גנעדיגען בּרודער שוין זײַט אַזוי פֿיעל יאָהרען. נון איז ער דורך פֿערשידענע ספּעקולאַציאָנען פֿעראומגליקט געוואָרען. יעצט קומט אויך בּאַלד דער טערמין די רענטע צו צאָהלען. גנעדיגע גרעפֿין, אויף מײַנע קניע בּעט איך אײַך, אײַער בּרודער, דער גנעדיגער הערר גראַף דראָהט אונז פֿון דעם דאָרף צו פֿעריאָגען, ווען מײַן פֿאָטער וועט איהם ניט פּינקטליך צאָהלען, אײַער וואָרט גילט בּײַ איהם מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט, בּעט איהר דעם גראַף, די רענטע אויף אײַניגע מאָנאַט צו פֿערשיעבּען, און מיר אַלע וועלען אײַך אײַביג דאַנקבּאַר בּלײַבּען.

העלענא: מיט דײַן בּיטע, מײַן קינד, מוסטו זיך צום גראַף פֿערזענליך ווענדען, איך האָבּ אין די זאַך ניכט'ס צו זאָגען... דאָך וואַרט! איך וואָלט דיך ראַטהען, שיק דײַן בּרויטיגאַם יאָזעף, איהם ליעבּט מײַן בּרודער זעהר, און איהם, דענק איך, ווירד ער געוויס ניט ענטזאַגען.

שושנה: יא גנעדיגע גרעפין, איך אליין האב מיין פאטער דיזען ראטה געגעבען (פערשעמט) מיין פאטער וויל אבער ניט דורכאוים, אז יאזעף זאל ערפאהרען ווי שלעכט עס געהט אונז יעצט.

העלענא: (שפאטיש) חא, חא חא! א! אזוי! איהר האט מורא איהם אייער לאגע צו ענטדעקען, דאמיט ער זאל זיין ווארט ניט ברעכען און דיך פערשטויסען?! נארישעס מיידעל! ער וועט דיך פערשטויסען, וויל ער פון אַ אנדערער ביז צום וואהנזין געליעבט ווירד.

שושנה: גרעפין!

העלענא: און דעם אמת זאגענדיג, ליעבט אויך יאזעף איין זאלכעס מיידעל, וועלכע פערדיענט טאקי זיין ליעבע.

שושנה: גאנץ געווים, ווען איך וואלט זיין ליעבע ניט פערדיענען, וואלט ער מיך אויך נישט געליעבט.

העלענא: ביסטו טאקי אזוי נאאיוו? אדער דו פערשטעהסט ניט וואס איך האב דיר געזאגט? דיין יאזעף ליעבט אנ'אנדערע, א רייכערע און א בעסער מיידעל אלס דו ביסט.

שושנה: ס'איז א ליגען! מיין יאזעף איז ניט פעהיג אזא פער־ברעכען צו בעגעהן.

העלענא: מיך רופסטו ליגנערין?! מיך? יודין, ווייסטו צו וועמען דו רעדסט?!

שושנה: יא איהר זענט מיין הערין, מיט מיר קענט איהר טהון וואס איהר ווילט, אבער מיין עדלען יאזעף צו פערלייםדען וועל איך קיינעם ניט ערלויבען, קיינעם ניט!!! און יעצט גנעדיגע גרעפין לאזט מיך געהן, איך וועל דעם הערן גראף אויפזוכען אום איהם מיין ביטע פארצולעגען.

העלענא: איך ווארנע דיך מערכען, מיין ברודער איז געלד־גיעריג און שטרענג, דיין בעטען וועט איהם אויף דאס העכסטע ערצירנען, דאך ווען דו ווילסט עס, בלייב דא, איך וועל איהם באלד אריינשיקען (געהט ביז צום טהיר, קעהרט זיך באלד צוריק). אך יא, איך האב דיר נאך נישט רעכט געזעהן, מען זאגט אז דו זאלסט זיין א זעלטענע שענהייט, קום נעהנטער (עס געשיהט) הם... צימליך שעהן אבער גאר ניט אינטערעסאנט, פוי! קיין לעבען, קיין ליידענשאפט, קיין פייער... ניין מערכען, דו ביסט קיינע געפעהרליכע ריוואלין... חא, חא, חא, ניין, ביי גאט נישט געפעהרליך (אב).

שושנה: (אליין) וואס וויל זי פון מיר? פאר וואס לאכט זי אזוי ניפטיג? זי איז דאך שטענדיג געווען אזוי גוט צו אונז? הא, איך הער דער גראף קומט, נאטעניו, איך בעט דיך דערוועק זיין הערץ, דען מיין צערטליכער טייערער פאטער וועט דאס אומגליק ניט איבערטראגען. (אויפטריט פערנאנדא).

פערנאנדא: (בעמערקט איהר ניט) יא, עס איז ענטשלאסען, ער מוז פאלען! שטירצען! און זיין נאכפאלגער בין איך, איך דער לעצטער שפראצלינג דעם הויזעס קאסטיליא. (דערזעהט איהר) הא סוזאנא? ווי געהט עס דיר, רייצענדעס מערכען? וואס מאכסטו דען היער? הא, איך ווייס דו האסט מיר געווים די רענטען געבראכט. (זעצט זיך אויפ'ן טראהן).

שושנה: (צומישט) ניין! יא... גנעדיגער הער גראף (קניעט) עבען וועגען דער רענטע בין איך געקומען צו אייך (וויינט) איך בעט אייך, איהר ווייסט וואס פאר א ארדענטליכער עדלער מענש מיין פאטער איז, ער וועט אייך די רענטע מיט דעם גרעסטען דאנק צאהלען, נאר יעצט, גראדע יעצט איז עס איהם אונמעגליך, זייט א גוטער, מאכט אונז ניט נאך מעהר אונגליקליך, ווארט אונז נאך א פאר מאנאט, מיין פאטער האט אויך שולדען צו קאססירען, טהוט אונז דעם געפאלען גנעדיגער הער גראף, און מיר וועלען שטענדיג פאר אייך גאט בעטען.

פערנאנדא: דו ביסט אזוי אויפגערעגט מיין קינד (געהט ארונטער פון טראהן) שטעה אויף, וויין ניט, ביי גאט, שאדע אום דיינע שעהנע הימעלס־בלויע אויגען.

שושנה: איהר זייט אזוי גוט, אזוי עדעל, איהר וועט אונז דעם קליינען געפאלען טהון?

פערנאנדא: דו ווייסט מיין קינד, עס איז א ריזען־סומע און איך האב שוין גענוג געווארט, איך זעלבסט נויטיג זיך יעצט אין געלד, מיין עהרען־ווארט מערכען, איך קאן ניכט לענגער ווארטען.

שושנה: (וויינט) אוי מיין אונגליקליכער פאטער, ער וועט עס ניט אויסהאלטען, ביי די יאהרען פערטריעבען צו ווערען פון דעם ארט וואו מיר האבען אונזער גאנצעס לעבען פערבראכט (שלוכצט).

פערנאנדא: נור ניט פערצווייפלען מיין קינד, נאך גיעבט עס א אויסוועג.

שושנה: (פריידיג) זאגט! זאגט! שנעלער הערר גראף, זאגט!

פערנאנדא: (גלעט איהר) אה דו זיסעס קינד, ווילסטו מיר גוט זאגען פאר דיין פאטער, דאן... חא, חא, חא... דאן ווארט איך אזוי לאנג ווי לאנג דו ווילסט (העלענא לוישט די גאנצע צייט זייער געשפרעך).

שושנה: איך זאל גוט זאגען? איך? איז מיין ווארט בעסער אלס מיין פאטער'ס? איך פערמאג גאר נישט מעהר אלס מיין טוגענד.

פערנאנדא: און דאס איז פיעל מעהר ווערטה אלס געלד, דארום זאג איך, ווען דו וועסט מיר דיין טוגענד צו זיכער־

הײַט געבען, זאָ וויל איך מיט דער רעגטע וואַרטען, אָדער נאָך מעהר, איך וויל אײַך די רעגטע געװעצליך שענקען. נון, זאָגע קינד, קען איך נאָך עהרליכער האַנדלען?

שושנה: אָבער איך פֿערשטעה אײַך ניט, העֶרר גראַף?

פֿערנאַנדא: (מעהר ליידענשאַפֿטליך) קום, קום מײַן קינד, זײַ דאָך ניט אַזוי נאַאיוו, דיר איז עס יאָ בעקאַנט, דאָס שוין זײַט אײַנער צײַט לאַנג האָסטו מײַן הערץ געפֿאַנגען, הימלישעס מערבען, איך ליעבע דיך, איך פֿערגעטערע דיך, איך וויל דיך גליקליך מאַכען.

שושנה: (אַפּאַראַט) וועה מיר! (לויט) אָבער גנעדיגער העֶרר גראַף, איהר ווייסט דאָך, אַז מײַן האַרץ געהער ניט מעהר צו מיר, איך בין דאָך שוין פֿערליעבט.

פֿערנאַנדא: פֿערליעבט? דומהײַטען! וואָס איז די ליעבע פֿון אַ יודען, אַ בעטלער. סוזאַנאַ, דיך ליעבט פֿערנאַנדאָ פֿון קאַסטיליאַ, דיך ליעבט דער גרעסטער מאַן שפּאַניענס. מערבען, מײַן הערץ ווירד פֿערצײַטערט פֿון ליעבעס־פֿלאַמען, ווער מײַנע און איך וועל דיך מאַכען פֿאַר אַ גרעפֿין, פֿאַר אַ קעניגין, דו זאָלסט די גליקליכע פֿרוי ווערען, און דיך בעניידען זאָל די גאַנצע וועלט.

שושנה: איהר אַליין, העֶרר גראַף, האָט עבען געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט די ליעבע פֿון אַ יודען אַ בעטלער אין אַן ענדע בעטעלט איהר די ליעבע פֿון אַ יודין... נײַן העֶרר גראַף, דאָס איז ניט קײַן ליעבע, נור ליידענשאַפֿטען אַ פֿערלאַנגען פֿון דאָס אויפֿקאָכענדע בלוט, דאָס איז אַזאַ ליעבע וואָס ווערט אין אײַן אויגענבליק געבוירען, און אין צווײַטען—פֿערלאָרען, אָבער די ליעבע פֿון דעם בעטלער, זי לײַכט אויביג, און די ליעבע וועל איך ניט פֿאַרבײַטען פֿאַר קײַנע שעטצע דער וועלט.

פֿערנאַנדא: ווי? האָב איך רעכט געהערט? דו ענטזאַגסט מיר?

שושנה: איז דאָס מײַן שולד, ווען איהר פֿערלאַנגט פֿון מיר גאַנץ אונמעגליכעס.

פֿערנאַנדא: (איראָניש) אונמעגליכעס?! אונמעגליכעס?! חַ,חַ, חַ, יאַ מיר וועלען זעהן, הײַנט נאָך זאָלט איהר פֿון מײַן גוט פֿערטריבען ווערען, דו, דײַן פֿאַטער, דײַן ברײַטיגאַם, אַלע... אין דער גאַנצען געגענד וועל איך בעפֿעהלען דאָס ניעמאַנד זאָל זיך וואָגען אײַך שוץ צו געבען, אין די ווילדסטע וועלדער זאָלט איהר אַרום אירען, די ווילדען טהירען פֿרעסען געגעבען, דאַן זאָלסטו ווי אַ וואָרם צו מײַנע פֿיס ליעגען און מיר זאָגען אויב איך פֿערלאַנג אונמעגליכעס.

שושנה: עס איז אמת העֶרר גראַף, איהר קענט אונז פֿעריאָגען,

איהר קענט אונז פֿערהונגערן, אָבער איהר זענט דאָך אין אירטהום, ווען איהר מײַנט מיך דאַדורך צו געווינען.

פֿערנאַנדא: אבשײַליכע, יודין! די נידערטרעכטיגסטע פֿון מײַנע מעטרעסינען זאָלסטו ווערען.

שושנה: גענוג, העֶרר גראַף! ווײַטער ערלויב איך אײַך ניט, אַזוי מיט מיר צו רעדען, איך בין אַ טאָכטער פֿון דעם יודישען פֿאָלק, אַ קינד פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט שטענדיג זײַן לעבען געאָפּפֿערט פֿאַר דעם ריינעם זיטליכען פֿאַמיליען־לעבען, און אַזאַ טאָכטער וועט ניט צאָהלען איהר טאַטענס חובות מיט איהר טוגענד. אונזער שיקזאַל איז בײַ גאָט אין די הענד, זײַן ווילען זאָל געשעהן (אַב).

פֿערנאַנדא: פֿערדאַמטעס האַרטנעקיגעס געזינדעל, איהר זאָלט מיר געדענקען (רופֿט) אַלוואַרעץ! אַלוואַרעץ! (אויפֿטריט העלענא).

העלענא: וואָס איז געשעהן ליעבער ברודער? דו שײַנסט אַזוי אויפֿגערעגט צו זײַן.

פֿערנאַנדא: וואַרהאַפֿטיג! דאָס פֿערדאַמטע יודענגעזינדעל, די רעגען מיך אויף, נאָך דעם דער טערמין שוין 5 טעג פֿאַראיבער זינד, שיקט ער יעצט זײַנע טאָכטער איך זאָל איהם נאָך אײניגע מאָנאַט וואַרטען, האַ! קײַנע מינוטע לענגער! נאָך הײַנט זאָל קײַן אײנציגער פֿון זיי מײַן באָדען בעטרעטען.

העלענא: אָבער זײַ דאָך ניט זאָ האַרט, עס האָט נאָך צײַט.

פֿערנאַנדא: קײַנע מינוטע לענגער—זיי האָבען עס יעצט מיט מיר צו טהון און די זאָלען מיך קענען לערנען (אַב).

העלענא: יאַ זאָ איז עס, מײַן ברודער ליעבט די ברויט, און איך דעם ברויטיגאַם, זי מוז אײַנע מעטרעסע ווערען, און יאָזעף בלײַבט מײַנער; אָבער איך מוז טראַכטען ער זאָל זיי אויס דעם דאַרף ניט פֿעריאָגען, זאָנסט געהט יאָזעף אויך מיט און דאָס דאַרף ניט זײַן. (אויפֿטריט יאָזעף) אַה! ווילקאָמען! זײַט מיר טויזענד מאָל ווילקאָמען, מײַן טײַערער פֿרײַנד און לעהרער.

יאזעף: עדלע גרעפֿין, נימט מײַן אינניגסטע גראַטולאַציאָן צו אײַער געבורטס־טאָג, 20 יאָהר צוריק אין דעם הײַנטיגען טאָג האָט די נאַטור איהר שענסטעס ווערק געשאַפֿען און מעגען אַלע פֿרײַדען דער ערדע אײַך צוטײַל ווערדען.

העלענא: איך דאַנק אײַך עדלער יאָזעף, אָבער דאָס איז פֿאַסט אונמעגליך, אַלע פֿרײַדען דער ערדע זינד נאָך קײַן שטערבליכען צוטײַלט געוואָרדען, איבערהויפּט מיר, וועלכע איז אונמעגליך זעלבסט אין מײַנען פֿרײַדענטאַג.

יאזעף: אונמעגליך? וואַרום דען?

העלענא : יאזעף! העררלעהרער, פון אייך וויל איך ניכטס פער־בערגען, יא, איך בין אומגליקליך, ווייל איך בין האפנונגסלאז, יא, איך ליעבע אהנע געליעבט צו ווערען.

יאזעף : איהר ליעבט? הא, געוויס איינען גראפען, אדער איינען פרינצען פון קעניגליכען בלוט, דאס איז רעכט, אבער זי זענען זא שעהן, זא רייצענד און דאצו די רייכסטע ערבין אין שפאניען, זי זינד ניכט געליעבט? דאס איז פאסט אונמעגליך.

העלענא : יאזעף! עדלער פריינד, איהר זייט ליבעראל, איהר זייט קלוג, געבילדעט, און אייך וויל איך מיין געהיימניס ענטדעקען, אייך איז דאך געוויס בעקאנט, אז אין די היסטארישע שריפטען פינדען מיר די זעלטזאמע ליעבע פון איינער רייצענדער פרוי צו איינעם ארמען יינגלינג, וועלכען זיינע אייגענע ברידער האבען צום שקלאפען פערקויפט. וויסען זי זיין נאמען, אדער מוס איך עס איהנען זאגען?

יאזעף : געוויס, זיין נאמען וואר „יאזעף", דער זאהן פון אונזער פאטער „יאקאב", וועלכען „פוטיפר" האט צום אויפזעהער איבער זיין הויז געמאכט, אונד זיינע טריילאזע גאטין האט איהם מיט איהרע ליינדענשאפט בעשטירמט.

העלענא : אונד פאן דער ליידענשאפט האט זיך יענער „יאזעף" ענטריסען, און האט אויך רעכט געהאט; דיזער „יאזעף" אבער, וועלכער שטעהט פאר מיר, ווערט געליעבט ביז צום וואהנזין, יאזעף! איך ווייס קיין אונטערשיעד צווישען רעליגיאן, ראנג און מיטטול; דו האסט מיך געלערנט, דאס אלע מענשען זינד גאטעס קינדער אונד ווערדען פון איהם גלייך געליעבט. יאזעף! איך ווייס עס איזט ניכט פאסענד איין מעדכען זאל איהרע ליעבע דעם מאנע אנביטען, אבער איך ליידע! איך ליידע זאפיעל (קניעט) זי, די ליעבע חיים קיינען שטאלץ, זאין שטויב ליגט די גרעפין אונד ביטעט אום דיינע ליעבע.

יאזעף : איהר ערשרעקט מיך, טייערע גרעפין, אום גאטעס ווילען, פערגעסט איהר אייער ראנג, אייער שטאנד? בעדענקט, איבער־לעגט גרעפין, און זי ווערדען זעלבסט איינזעהן, דאס עס איינע זאכע דער אונמעגליכקייט איזט.

העלענא : אונמעגליך? הא, איך אונגליקליכע, זא טוט מיין הערץ עווינ בלוטען, יאזעף! געליעבטער מיינעם הערצענס!

אויפשטרעט פערנאנדא, ערשיינט ווי זי קניעט.

פערנאנדא : ווי זאל איך עס גלויבען? די גרעפין פאן קאסטיליען אויף די קניען פאר איינעם ניכטס־ווירדיגען יודען!

העלענא : (ערשראקען) ברודער איין ווארט!..

פערנאנדא : אויף דיין צימער מערכען, מיט דיר ווערדע איך שפעטער רעדען.

העלענא : א מיין גאט! מיין גאט! (אב).

פערנאנדא : זא יודע! דעסהאלב האבע איך דיך אין מיינעם הויזע אויפגענאמען, דיך אלס מיינען פריינד בע־טראכט, ווייל דו מיינע שוועסטער אונטעריכטעט האסט, אבער דו האסט דאביי די געלעגענהייט בענוצט איהר קאפ צו פערטומלען, און זי צו זאלכעם לייכטזין בערעדען.

יאזעף : עס איזט ניכט וואהר, איך האבע ניעמאלס די גרעפין צו אירגענד איינעם לייכטזיניגען שריט בעוועגט.

פערנאנדא : וועלכע שפראכע פיהרסטו געגען מיר, דו עקעל־האפטער ווארם, דו ניעדריגער יודע?!

יאזעף : ווער היער איין עקעלהאפטער ווארם איזט, איזט איינע פראגע, אויך דאס ווארט יוד בעשעמט מיך ניכט, אבער ניעדריג דאס בין איך ניכט, אונד איך ביטע אייך העררגראף, מעסיגט אייערע ווארטע, דען גראבהייטען ווערדע איך טיר זאגאר פאן דעם שטאלצען גראפען ניט געפאלען לאסען.

פערנאנדא : מעסיגען? איך? דו ווירסט מיר דיקטירען ווי צו רע־דען? דו? היגאוים! היגאוים, אדער איך ווערדע דיך ווי איינען הונדע... (יאזעף שלאגט איהם איבער די רעד).

יאזעף : געמאך!! קיין ווארט מעהר העררגראף, אדער ביי מיינער עהרע איהר צווינגט מיך צו פערגעסען דאס איך בין אין איהרעם הויזע. איהר בעפאלט מיך גראדע ווי איינען, דעם מען אין איינער שענדליכער טהאט ערוואכט האט, אבער איהר זייט אין אירטהום, אלס דאס גנעדיגע פריילין זיך פערגעסען האט, וואר איך דער יעניגע דער זי אן איהרען ראנג און שטאנד ערינערטע, עס איזט איבערהויפט לעכערליך מיך אין זא וואס צו בעשולדיגען. איך בין יא דער ברייטי־גאם פאן דעם ערעלסטען בעסטען מערכען דער וועלט, מיינע ליעבע צו איהר איז זא גראס, דאס איך ווערדע זי ניכט פערשטויסען, אום קיינער פרוי דער וועלט, יא, אום קיינער, מאג עס אויך די שטאלצע גרעפין העלענא זיין (אב).

פערוואנדלונג.

שמעיה חיה ארייגלויפענדיג.

חיה : וואס לויפסטו אזוי שמעיה?

שמעיה : שריי ניט אזוי חיה!

חיה : אז נאך־געהן זאל איך נאך דיין לויה.

שמעיה : פריהער קומסטו אין דער רייהע.

חיה: הער דיך אויף צו בארכ֞ענען פּאָעט מײַנער.
שמעיה: וואָס טויג אַ מאראַס אָן אַ נראַס, און וואָס טויג אַ שמעיה
אָן אַ חיה.
חיה: שמעיה, האָסטו מיך ליעב?
שמעיה: ביז אין גריב.
חיה: וועסט מיר געבען אַ שבועה?
שמעיה: אויך מיר אַ מציאה.
חיה: און איך וועל האָבען די גאנצע דעה?
שמעיה: דאָס שווער איך דיר בײַ מײַן לינקער פּאה.
חיה: שוין ווידער מיט'ן גראַם?
שמעיה: כרי אלע זאלען הערען בקול רם.
חיה: לאָז שוין זײַן גענוג.
שמעיה: נאָ, שווײַג איך.
חיה: אָט אַזוי, אַצונד זאָג מיר שמעיה לעבען, וואהין לויפסטו?
האַ?
שמעיה: אַדרבה, ווי אַהין לויף איך?
חיה: (בייז) איך פרעג דיך דאָך ווי אהין לויפסטו?
שמעיה: האַ? וויא איך לויף? וואָס דאַרפסטו שרײַען, אָט זאָג
איך דיר שוין, דאָס הײַסט, ווי איך לויף!
חיה: נו יאַ ווי אַהין לויפסטו?
שמעיה: דאָס ווייס איך ניט.
חיה: וואָס?!!
שמעיה: אַדאָפּ זאָל דיר די נאָז.
חיה: וועמען מיר?
שמעיה: ניין, מײַן מאַמעס שנור.
חיה: נו, הער שוין אויף מיט די גראַמפּערלעך, און זאָג מיר ווי
אַהין לויפסטו?
שמעיה: איך פערשטעה ניט, ביזטו טויב צו וועלכע שוואַרצע
יאָהר, האָסט דען ניט געהערט, ווי דער גוטער ר' ליב
ספרדי, האָט מיר געהייסען איך זאָל צוזאַמען רופען אלע בעלי בתים
פון דער שטעדטל.
חיה: נאָ?
שמעיה: נאָ לויף איך.
חיה: שמעיה לעבען, וואָס מײַנסטו דאַרף חיה, ר' ליבעלע?
שמעיה: אָט האָסטו דיר אַ יודענע, זי האָט שוין קיין צײַט ניט,
וועסט דאָך זײַן אין שטוב, וועסטו שוין וויסען.
חיה: וואָס הארט דיך אַז דו וועסט מיר פריהער אויס זאָגען?
שמעיה: אוי, ניט געראַבט זאָלט איהר ווערען, הער! בײַ ר' ליב
ספרדי געפינט זיך אַ גאָלדען קעסטעלע פערחאַתמעט און

פערזיגעלט נאָך פון זײַן עלטער-זיידען, אין דער צוואה שטעהט גע-
שריבען, אַז דאָס קעסטעלע זאָל איבער-געגעבען ווערען פון איין
ספרדי צום אַנדערן, און אויפמאַכען מאָר מען דאָס ניט. סיידען מען
איז אין דער גרעסטער נויט, און אַזוי ווי ר' ליבעלען געהט יעצט
זעהר שלעכט, וויל ער פאַר אַלע יודען איבער-לייענען די צוואה
פון זײַן עלטער זיידען, און דאָס קעסטעלע אויפמאַכען. אַזוי מײַן איך.
און אַצונד קום.
חיה: וואַרט נאָר אוים שמעיה, אַ גאָלדען קעסטעלע זאָגסטו, וואָס
זשע מײַנסטו איז דאָרט דאָ?
שמעיה: אָט האָסטו דיר אַ פריש געשעפט אויף אַ שעה, ווילדע
חיה וואָס דו ביזט, פון וואַנען זאָל איך וויסען וואָס
דאָרט איז דאָ? האַ?
חיה: וואָס זשע און ר' ליבעלע האָט זיך געקענט אײַנהאַלטען אַזאַ
צײַט, און דאָס קעסטעלע ניט אויפמאַכען?
שמעיה: עס פערשטעהט זיך, ווען ער זאָל זײַן אַ יודענע וואָלט ער
עס שוין פון לאַנג אויפגעטאַכט. הכלל ווילסטו געהן, צו
ווילסטו שטעהן, דאָס האָט בײַ מיר גאָר קיין חן אָט וועסטו זעהן
איך געה אַליין.
חיה: שטראַם גראָם מאַך מיר אַלעטניק, זאָג מיר שמעיה, וואָס
האַלסטו עפּעס אין איין זאָגען גראַמען?
שמעיה: הערסטו מיר האָט אַפילו יאָזעף געזאָגט, אַז מײַנע גראַמען
זענען אויסגעצייכענט, ער זאָגט אַז איך זאָל מיך נאָר
אײַנאַרבעטען און איך קען מיט דער צײַט ווערען אַ בעהריםטער דיכטער.
חיה: אַזוי? אָ וואָ! זעהסטו, איך האַלט ניט אַזוי שטאַרק פון יודישע
„כלי קודש", אָט למשל נעם אַ רב און אַ גלח, ווי לעבט דער,
און ווי לעבט דער צווייטער? אמת, יודיש רבנות טויג אויף קרבנות,
אַ שוחט לעבט פון בדיקה און אַ שמש פון חלוקה, און אַ יודישער חזן איז
בתחילה אַ בלאָזען.

שמעיה: און פון דעסטוועגען איז דאָך בעסער צו זײַן אַ יוד, עפּעס
אַ קלײַניגקײַט אַ יוד, אַ יוד איז אַ יוד, ווערט פון צרות
קיינמאָהל ניט מיד, אין דער האַנד זײַן שטעקיל, אויף די פּלייצעס
גאָטט'ס פּעקיל, און אַזוי וואַנדערט ר' „יודיל" און זינגט צו גאָטט איין
ליעדעל:

ער: די כלי קודש זענען אויף צרות
זי: די גוים לעבען ווי שׂררות.
ער: דעם רב קען נאָר פעהלען צום עסען
זי: דער גלח, ער האַלט אין איין פרעסען.

ער : דער חזן זינגט פיין און ליידעט נעבּיך פון
זי : דער גלאקציהער, ער ניסט אריין.
ער : דער שמש זיך פלאגט
ער הונגערט און שוויינט
זי : דער קלויסטער־מאן פיעל אין זיך פאקט.
ער : דער יוד איז מרה־שחורה'דיג
הונגערט נעבּיך מורה'דיג
די נשמה האלט איהם אויף, אוי, אוי!
זי : און די גוים שטרעבען נאר
מיט דעם חזר לעבען נאר
אנצושטאפען זייער גוף.
ער : זאג דו אליין, וועלכעס איז שעהן.
ביידע : קיין צווייפעל ניט עס איז שעהנער דער יוד
רבּ יודעל א לידעל,
מענסט זינגען ווי יעדער איינער
דיין שיינקייט, דיין ריינקייט
דיין חכמה האט נישט קיינער
מיט דיין גייסט ביזטו גרויס
ביסט דער וועלט א לעהרער
מען שעצט דיך ניט
מען לאכט דיך אויס
האסט קיין פעהלער
דאך יוד שטאלציר, קיין מוטה פערליער.

II.

ער : דער מגיד זעהט אויס ווי א טויטער
זי : דער פריסטער ווי א בוריק א רויטער
ער : דער בּחן דעם פלאגט גאר דער הונגער.
זי : נאר זאט איז א גוישער זינגער.
ער : דער קלויזניק איז שטיל
נאר תורה איז זיין ציעל.
זי : דער צעלעסניק, ער זינדיגט פיעל.
ער : די זאגערין זאגט, זי יאמרט און קלאגט,
זי : די נאניע א געצקע זי טראגט,
ער : דער יוד איז דאך די ערליכקייט
דאך קומט איהם אן מיט שוועריכקייט
צו פערזארגען ברויט פאר זיין געזינד. אוי, אוי.
זי : די ערלים שיכּערע, פאר חזרים דיקערע
אנצופרעסען זיך געשווינד.

ער : זאג דו אליין, וועלכעס איז שעהן?
ביידע : קיין צווייפעל ניט, עס איז שענער דער יוד א. ז. וו.

(נאך געזאנג אב).

פערוואנדלונג.

(צימער ביי ספרד'ן. אין מיט'ן א טיש, ביי דער וואנד א קאמאד. ס'איז נאכט. שושנה זיצט ביים פענסטער. יאזעף קומט אריין).

יאזעף, שושנה.

יאזעף : מיין געליעבטע שושנה!
שושנה : (שפרינגט אויף) אך, דו ביסט עס מיין טייערער!
יאזעף : וואס האסטו זיך אזוי ערשראקען טייערע? דו זיפצסט?
שושנה : אך געליעבטער, איך בין געזעסען דא, און מיין גייסט האט אהום געשוועבּט דארט צווישען די מיליאנען שטערענדלעך, איך האב געטראכט, ווי גוט, שטיל און רוהיג עס מוז דארט זיין, אבער דיין שטיממע האט מיך ערוואכט, מיינע געדאנקען האבען זיך אומגעקעהרט אהער וואו עס איז פינסטער און טרויעריג, און דערפאר זיפץ איך.
יאזעף : וואס אייגענטליך מאכט דיך אזוי טרויעריג געשטימט?
שושנה : טהייערער יאזעף, דו ווייסט איך בין היינט געווען ביים גראף אין שלאס...
יאזעף : איך ווייס, איך קום עבען פון דארט, פערנאנדא פאן קאסטיליען, איז א שרעקליכער יודען־פיינד, איך וויל דעם אנקעל ווארנען.
שושנה : אך מיין־אונגליקליכער טייערער פאטער!!
יאזעף : נא, געונוג מיין זיעסע שושנה, דער מענש דארף זיין בטחון נישט פערליערען, איבערהויפט דו ביסט נאך אזוי יונג, פאר דיר זענען די זארגען און זייפצער ניט אין דער ריכטיגער צייט, די יוגענד דארף לעבען, לעבען אונד האפען.

זי : אך פאר וואס קומט אונז די פלאגען פיעל
וואס האבען מיר דען פערבראכען
ווי שרעקליך איז דעם שונא'ס האנד
ווי גיפטיג איז זיין נצחון.
ער : דעם יודענס ליידען איז ווירקליך גרויס
דאך מוז ער דולדען און שטרעבען

פון דער געפאהר וועט ער ארויס
און וועט זיין פיינד איבערלעבען.

זי: אך, יא, נאר מיט געדולד

ביידע: אין האפנונג לעבט דער יוד איממער
ס'איז שוין געוועזען צייטען
וואס וואר פיעל שלימטער.

ער: דארום איך מיין

ביידע: געליעבטע דארפען מיר קיין האפנונג פערליערען
געדו"ד קען צו אלעם גוטען אונז פיהרען
מיר האבען זיך צו טרייסטען
אונזער ליעבע איז דאך א טרייסט, א גוטע,
און ווידער האבען מיר א גאט, א גוטען היטער,

ער: יא היטען וועט ער אונז.

זי: יא, היטען אונז, יא, יא, היטען וועט ער אונז

ער: יא, היטען אונז.

ביידע: אונזער ליעבע איז דאך פעסט
האבען מיר שוין פון דעם בעסט
יא, מיר האבען פון דעם בעסט,
מיר זענען דאך רייך, יא, יא.
נאר צוזאמען-געהן האנד אין האנד
וועט דאך קיינער שטערען אונזער באנד
אונזער ליעבע פיהרט צו אונזער ציעל אונד גליק.

זי: שרעק נאר ניט געליבטער מיין.

ער: זאלאנג מיר וועלען נאר צוזאמען זיין,
עוויג זיין וועל איך נאר מיט דיר.

ער: טהייערסטע, הייליגסטע ביזטו ביי מיר.

זי: טהייער ביזטו מיר,

ביידע: אונזער ליעבע איז דאך פעסט
האבען מיר שוין פון דעם בעסט
יא, מיר האבען פון דעם בעסט
מיר זענען דאך רייך, יא, יא.
נאר צו זאמען געהן האנד אין האנד
וועט דאך קיינער שטערען אונזער באנד,
אונזער ליעבע פיהרט צו אונזער ציעל אונד גליק.

ער: און אונזער גאט

זי: וועט היטען אונז

ער: פון שונא'ס האנד

זי: יא שטיצען אונז.

ער: זיין זעגען אויך

זי: פון הימעל הויך.

ביידע: און ער וועט געבען באלד
גליק אונד זעגען אונד הצלחה
געבען וועט אונז גאט זיין ברכה
מיר זאלען אין פריידען
לעבען זיך שעהן... אמן...

(נאך געזאנג אב).

שמעיה (מיט יודען אונד פרויען).

אלע: גוט נאווינד, גוט נאווינד!

שמעיה: זיצט, זיצט רבותי (געשיהט).

איינער: וואו איז ר' ליבעלע?

שמעיה: ר' ליבעלע וועט געוויס באלד קומען, און אז ס'וועט זיין צו קיין, וועט איהר בענטשען מזומן (מען לאכט) לאז זיין שטיל רבותי, ר' ליבעלע קומט (ס'קומט חיה מען לאכט).

איינער: וואס איז דאס שמעיה?

שמעיה: דאס איז א ווילדע חיה. אוי ווי איך בין א יוד ר' ליבעלע קומט.

ר' ליב דערנאך יאזעף, און שושנה (אלע שטעהן אויף).

ליב: א גוטען אבענד אייך אלע!

אלע: א גוטען אבענד אייך ר' ליבעלע!

ליב: זיצט, זיצט רבותי! איך דאנק אייך זעהר, וואס איהר האט ערפילט מיין בקשה און זענט געקומען, זיצט. (אלע זעצען זיך).

שושנה: א גוטען אבענד דיר, טאטעניו!

יאזעף: גוטען אבענד אנקעל!

ליב: א גוטען אבענד אייך קינדערלעך (נעהמט ארום שושנה). א גוטען אבענד דיר מיין טייערע זיסע געציטערטע בת יחידה (האלט איהר קאפ) אה! אז איך קוק אריין אין דיינע ליכטיגע אויגען, זעה איך דאס בילד פון דיין כשרה מאמע עליה השלום (נעהמט ארום יאזעפ'ן) ווען איך האלט אייך ביידען לעבען מיר, פערגעס איך פון אלע צרות, און מיין הארץ גיסט זיך אן פול מיט נחת. יא, קינדערלאך, אייער פאטער האט אייך ליעב, זעהר ליעב (לאזט זיי אב) און אייער פאטער האט אויך ליעב זיין גאט, זיין פאלק, און אלע מענשען גלייך. נון, אצונד מיינע ליעבע ברידער, וועל איך אייך מיטהיילען וועסהאלב איך האב אייך גערופען (געהט צום קאסאד נעהמט ארויס א טיכעל מיט געלד

איז דאָס אַלעס וואָס
(אין דאָקומענטען) חי איהר זעהט מײַנע ברידער, איז דאָס אַלעס וואָס איך פֿערמאָג אַצונד, די לעצטע צײַט זענען מײַנע מסחרים נעגאַנגען זעהר שלעכט, און די וועלדער בין איך בריל הדל געוואָרען, און מײַן קרעדיט איז אינגאַנצען געבראָכען, נאָר אום איך זאָל חלילה ניט דאַרפֿען קיין פֿרעמד געלד אויך פֿערליערען, האָב איך מיך ענטשלאָסען אײַך צוזאַמען צו רופֿען, און אײַך בעצאָהלען דאָס געלד, וואָס איהר האָט בײַ מיר אײַנגעלײגט.

איינער: אָבער מיר טרויען אײַך ר' ליבעלע איהר קענט מיט אונזער געלד האַנדלען, אפֿשר וועט עס בעסער ווערען.

ליב: אויב אַזוי מוז איך אײַך זאָגען דעם אמת, אז איך האָב מיט אײַער געלד געהאַנדעלט, און איך האָב עס אינגאַנצע פֿערלוירען.

אלע: אוי וועה! אוי וועה!

איינער: סטײַטש, מײַנע אָרעמע פֿערהאָרוועטע 200 אדומים.

א יודענע: ווי האָט איהר ניט מורא פֿאַר גאָט. ס'טײַטש מײַן טאָכטערס נדן.

איינער: אַזאַ רציחה איז דאָך ניט געהערט געוואָרען, איהר האָט מיך דאָך געמאַכט פֿאַר אַ בעטלער.

אלע: סטײַטש! סטײַטש...

ליב: יאַ, מײַנע ליעבע, אַזוי וואָלט איהר אַלע געמוזט זאָגען, ווען דאָס זאָל אַזוי זײַן, אָבער אײַך ווײַנען און מיך שעלטען, ווען דאָס זאָל אַזוי זײַן, אָבער אײַ! עהרליכער פּראַקטישער מענש טאָר נישט שטעלען דעם צווײַטען צו אַ נסיון, און דערפֿאַר האָב איך געהאַלטען אײַער געלד בחברי חדרים, און אָט איז עס.

א יודענע: וואָס זשע? איך האָב עס דען פֿריהער נישט געוואוסט, אַ קלײניגקײַט אַזאַ כּשר'ער יוד.

שמעיה: מען גלויבט אײַך, מען גלויבט אײַך.

ליב: לאָז זײַן שטיל שמעיה.

שמעיה: יאַ, יאַ, ווער קען נאָך זײַן אַזאַ צדיק ווי איהר, ווי איך בין אַ יוד, איך וואָלט זײַ אַלע אָנגענומען פֿאַר...

ליב: שמעיה!!

שמעיה: לאָז זײַן שטיל, חיה.

ליב: אײַך לאה קומט בײַ מיר 500 טאָלער, אָט דאָ איז אײַער געלד. אײַך ר' יצחק קומט 3000, אײַך ר' דניאל 2000, אײַך ר' זכריה קומט 5000 אויף אַ וועקסעל, דאָ איז אײַער געלד, און אי"ה מאָרגען וועט איהר מיר אָפּברענגען מײַן וועקסעל. און אַצונד האָב איך נאָך אַוועק־געלײגט צו בעצאָהלען מײַנע משרתים, וועלכע זענען בײַ מיר אויפֿגעוואַקסען אַזוי ווי אײַגענע קינדער, שמעיה! חיה!

(געהען בײדע צו) קינדערלאַך, פֿון היינט אָן און ווײַטער וועט איהר זיך מוזען אַלײן מפֿרנס זײַן.

שמעיה: (ווײנט) חאָ וועל איך נעהמען, אַזאַ גוטען טײַער'ן בע"הב ווי איהר זענט.

ליב: גאָט וועט אײַך ניט פֿערלאָזען, דו שמעיה, דו זאָלסט חתונה האָבען מיט דײַן חיה'ן.

שמעיה: (ווײנענדיג) מהיכא תיתי.

ליב: דאָ זענען די 300 טאָלער, וואָס איך האָב דיר אַ מאָהל צוגעזאָגט נדן (צו חיה'ן) און דאָס זענען אײַערע 200 טאָלער שכירות.

שמעיה: אַזאַ כּשר'ר ר' ליבעלע.

חיה: (חליפֿנט) אַזאַ טײַערער בעה"ב, ער איז נור שולדיג געווען 100, און האָט אונז בעצאָהלט 200 (פֿאַלט שמעיה'ן אויפֿ'ן האַלדז).

ליב: יאָזעף מײַן קינד, אָט דאָס זענען דײַנע תנאים, דיר שטעהט יעצט פֿרײַ דו זאָלסט פֿערלאַנגען איך זאָל דיר מוחל זײַן, און דער שידוך מיט מײַן טאָכטער זאָל זײַן אויס שידוך.

יאזעף: איך פֿערשטעה אײַך ניט ליעבער אָנקעל.

ליב: איך מײַן ניט קײן שפּאַס, נאָר אַזוי ווי איך האָב מיך מתחייב געווען צו בעצאָהלען 10 טויזענד טאָלער נדן, און איך קען אַצונד נישט האַלטען מײַן וואָרט, אַזוי ביסטו על פּי דין אויך ניט מחויב צו האַלטען דײַן וואָרט, דו דאַרפֿסט זיך ניט שעמען, דו ביסט מײַן שוועסטערס זוהן.

יאזעף: יאַ אָנקעל, איהר האָט רעכט, אויב איהר קענט דעם נדן נישט סלוקען איז שלעכט, און דער שידוך מוז אויפֿגעלעזט ווערען.

אלע: וואָס?..

שושנה: האַ?

יאזעף: יאַ, דער שידוך מיט די 10 טויזענד רענדלעך מוז אויפֿגעלעזט ווערען, אָבער דער שידוך מיט שושנה, קען זאָגאַר דער טויט ניט אויפֿלעזען. (אומאַרמען זיך).

שמעיה: } (אומאַרמען זיך).
חיה: }

ליב: (נעהמט אַרום יאָזעף מיט שושנה) איהר זעהט מײַנע ברידער, גאָט ב"ה איז דאָך אַ גוטער.

שמעיה: אוי איז ער אַ גוטער.

חיה: פֿון וואַנען ווײסטו?

שמעיה: ער איז שוין מײַנער אַן אַלטער ברודער.

ליב: יאַ, ער האָט מיך נעשטראָפֿט דערמיט, וואָס ער האָט בײַ מיר מײַן געלד צוגענומען, ער האָט מיך אָבער מזכּה געווען

מיט צוויי ליעבע טייערע קינדער (וועהרענד ער קושט זיי, קומט אלווארעץ מיט א לאמטערן).

אלווארעץ: גוט נאווענד, העדר ספרדי!

ליב: אגוט נאוועגד גוטער אלטער, וואס ברענגט דיך צו מיר אזוי שפעט?

אלווארעץ: ענטשולדיגט, איך ברענג אייך ניט קיין גוטע נאכריכט, אבער גאט ווייסט, איך בין ניט שולדיג.

ליב: עס מאכט ניט אלטער, די לעצטע צייט קריעג איך איין שטאך נאך דעם אנדערען, איך בין שוין מיט די צרות געוואהנט, זאג.

אלווארעץ: דער גראף האט מיך געשיקט, איך זאל אייך זאגען, אז ביז אין 24 שטונדען זאלט איהר פערלאזען דאס דארף (אלע ערשרעקען זיך. ליב ציטערט). ווען ניט, וועט ער אייך מיט סאלדאטען פון דאנען ארויסיאגען, אויך איהר העדר יאזעף טארט זיך דא מעהר ניט געפינען (וויינט). גאט ווייסט, מיר טהוט וועה דאס הארץ, אבער איך קען דא גאר נישט העלפען. גוטע נאכט מיינע העדען, גוטע נאכט. וואס פאר א שלעכט וועלט עס איז (אלווארעץ אב וויינענדיג).

ליב: גוטע נאכט אלווארעץ!

שמעיה: (וויינענדיג). גוטע נאכט אלווארעץ!

חיה: גוטע נאכט אלטער לין!

ליב: פערלאזען דאס דארף אצונד אז דאס וואסער איבערך האלז, איך מוז פערלאזען דאס דארף. גראף פערנאנדא פערטריבט מיך פון דעם ארט, וואו איך בין געבוירען, ערצויגען און אזוי פיעל גליקליכע טעג פערבראכט, צדיק אתה ה׳ וישר משפטיך!

שושנה: פאטער!

באר: אה, ווי שרעקליך איז דאס צו זעהן (בים).

שושנה: פאטער!

באר: העלפען קען אונז נור גאט אליין (בים).

יאזעף: דיך טרייסטען אין דער מינוט\
האב איך קיין ווערטער גיט.\
גרויס איז מיין שמערץ\
עס ברעכט מיין הערץ.\
וואו נעהמט מען טרעהרען\
גאט זאל דערהערען,\
און צייגען זיינע וואונדער\
בעשיצען זיינע קינדער...\
העלף אונז געשווינד

רעטטע דיין קינד\
עס ברעכט מיין הערץ\
גרויס איז מיין שמערץ.

ביידע: טרייסט דיך טהייערער פאטער\
גאט וועט דיר העלפען נאך ווייטער (בים).

באר: העלף איהם גאט\
העלף איהם גאט אין דער נויטה\
אין דער נויטה\
אין דער נויטה העלף איהם גאט\
העלף איהם גאט אין דער נויטה\
העלף איהם גאט.

זי: גאט איז א גוטער\
ער איז אונזער היטער\
איבער אונז וואכט ער\
שטעטס אליין\
ער ליעבט זיינע קינדער.

ער: גאט איז א גוטער\
היטער\
איבער אונז וואכט ער שטעטס\
אליין\
די קינדער.

ביידע: בעוויז אונז וואונדער\
צו האבען ביי די פעלקער חן (בים).

זי: די צייט מוז קומען\
ווי א מאהל\
עס קומט, עס וואקסט\
ארייין די צייט\
די הילפע איז שוין\
נאר נישט וויט

ער: די צייט מוז קומען\
ווי א מאהל\
עס קומט, עס וואקסט\
ארייין די צייט\
די הילפע איז שוין\
גאר נישט וויט.

באר: די צייט מוז קומען ווי אמאל\
גליקליך זיין גאר אן א צאהל\
עס קומט, עס וואקסט ארייין די צייט\
די הילפע איז שוין גאר ניט וויט.

ליב: פאר אייער טרייסט דער מילדער\
דאנק איך אייך מיינע קינדער,\
און אויך אייך מיינע ברידער\
איהר האט מיר בעלעבט וויעדער.

באר: העלף איהם גאט אין דער נויט\
אין דער נויט העלף איהם גאט (בים).\
בעוויז אונז דיינע וואונדער\
ווי אמאל דיינע קינדער\
בעשיטצע איהם גאט\
בעשיטצע איהם העלף איהם אין דער נויט.

ליב: נון הערט מיך אוים!

באר: מיר הערען, מיר הערען
מיר הערען דיך אוים.

ליב: דער סוד מוז ארוים

באר: מיר הערען, מיר הערען
מיר הערען דיך אוים.

ליב: בירושה איז דאס מיר געבליבען
הונדערטער יאהר איז עס עלטער פון מיר,
ווען מען האט מיינע עלטערען פון שפאניען געטריבען
איז דאס קעסטעלע וואס איהר זעהט ביי מיר,
אויך א צואה האט מיין זיידע דערצו געגעבען
זי איז אצונד נאך אויך ביים לעבען,
הערט מיינע ברידער הערט זי אוים.

באר: מיר הערען, מיר הערען, מיר הערען דיך אוים.

ליב: „ווען איינעם פון מיינע נאכקאממען וועט זיין שלעכט
אבער ניט פריער, געדענקט עס אלע רעכט.
דאן זאל ער דאס קעסטעלע אויפמאכען
געפינען פיעל ווערט-פאהלע זאכען,
וואס וועלען זיין שארען איינגלייכען
דון עמאנואל פון שפאניען, נאטס קנעכט",
און איהר ווייסט ווי שלעכט מיר איז אצינדער
איהר ווייסט ווי אויך מיינע קינדער,
מיינע ליידען האבען קיין גלייכען
דאס היליגטהום מוז איך יעצט אויפמאכען.

באר: מיר ווייסען, מיר ווייסען, די צייט איז געקומען
מאך אויף און נעהם וואס דו וועסט דארט געפינען (בים).
אך, אך, אך.

ליב: (עפענט) מיר בלענדעט מיין בליק.

יאזעף: אה וועלכעם גליק.

באר: בריליאנטען, יובעלין גאר אן א צאהל
פערשלאסען האט דא זיין זיידע אמאל.

ליב: געלויבט זיי דו גרויסער גאט,
אל רחום וחנון
דו העלפסט אין דער נויטה.

באר: בריליאנטען, יובעלין גאר אן א צאהל
פערלאזען האט דא זיין זיידע אמאל.

שמעיה: יעדער שטיין איז מלא חן
און דערצו נאך פראכטיג שעהן.

חיה: אלע גרוים און גאר ניעשט קליין,
זיי טראגען מעג דער קעניג אליין.

שושנה:
יאזעף:
די צייט מוז קומען ווי אמאל
גליקליך זיין גאר אן א צאהל (בים).
עס קוסט עס וואקסט ארויין די צייט
די הילפע איז שוין גאר ניעשט ווייט (באר בים).

באר: גליקליך לעבען זאל גאט געבען
פון היינט אן און אויך ווייטער
פיעל הצלחה און אויך ברכה
ווינשען מיר דיין פאטער.

ביידע: די צייט איז שוין געקומען

באר: עס זאל איך זיין מיט פיעל גליק

ביידע: עס האט ניט פיעל גענומען.

באר: גאט איז מיט איהם צוריק,
נו דאנקט און לויבט אונזער גאט
פאר זיינע גרויסע וואונדער
ער ווייזט פון אויבען שיקט זיין הילף
פאר זיינע קינדער.
לויבען דארף מען איהם
מיט דעם גאנצען הערץ
ער היילט אונז דאך אב
פון יעדען שמערץ,
לויבט גאט.

פארהאנג פאלט.

צווייטער אקט.

(צומער ביי פערנאנדא. שעהן מעבלירט, אויף די וועגד העגגען געוועהר, אלווארעץ זיצט ביי א שרייב־טיש פערטראכט).

אלווארעץ: פע! א שלעכטע וועלט, דער אלטער, גאט זעליגער פירסט איז געוועזען א בעסערער מענש, ביי איהם איז ניט געוועזען קיין אונטערשיעד קריסט אדער יוד אדער מחמדאנער. ער האט ליעב געהאט אלע מענשען גלייך, דער יונגער איז שוין געוועזען גאר א אנדערער, און וואס וועט אצונד ווערען פון דעם גוטען אלטען ר' ליבעלע מיט זיין גאנצע פאמילע? הא!! א גוטער מענש, איין ערהליכער מענש, מיר רייסט דאס הארץ, אבער איך קען ניט העלפען! ניין, איך קען ניט העלפען, (מען קלאפט) הא, ווער איז דארט אזוי שפעט, הע?

שמעיה חיה. (פון דרויסען) מאך אויף די טיהר אלווארעץ.

שמעיה. לאז אונז אריין דו אלטער ליץ (אלווארעץ מאכט אויף, שמעיה חיה לויפען אריין האפען איהם ביי די הענד).

שמעיה: }
חיה: } א גוט נאוועגד דיר אלווארעץ (רייסען איהם ביי די הענד).

אלווארעץ: הערט אויף קינדער. מיט אייער ליעבשאפט וועט איהר מיר מיינע הענד אויסרייסען.

חיה: אזוי ווי מיר ווייסען, אז דו ביסט א גוטער פריינד פון אונזער טייער'ן ר' ליבעלע.

שמעיה: אזוי זענען מיר געקומען דיר אנזאגען די גוטע בשורה, אז דא וועט שוין ניט העלפען קיין שום מסירה, ר' ליבעלע האט בעקומען א וועלט מיט בריליאנטען, מיט יעדעם שטיק קען מען איינעם דעם קאפ צו שפאלטען, ר' ליבעלע וועט באלד אהער קומען און אויסצאהלען מזומן, און כדי דיין בעה"ב זאל ניט זיין קיין יונגאטש, גיט מען איהם מיט א פאר בריליאנטען אין פיסקאטש.

חיה: דו זאלסט זעהן אלטער, ווי ביי אונז טהוט זיך, אלע זענען מלא שמחה.

אלווארעץ: יא, דאס איז שעהן, דאס פרעהט מיך זעהר, אז דער גוטער ר' ליב וועט ווידער בלייבען ביי אונז (מען הערט פון דרויסען א שטימע) קינדער! שנעל אנטלייפט, דער גראף קומט, ער איז שרעקליך אויפגערעגט אויף אייך, ער וועט אייך ערמארדען, שנעל אנטלייפט, בעהאלט אייך, אדער איהר זענט פערלוירען. (חיה און שמעיה בעהאלט׳ן זיך הינטערן פארהאנג. אויפטריט פערנאנדא).

פערנאנדא: וואס איזט אלווארעץ? וואס וואר דא פאר אליארעם?

אלווארעץ: ניכטס, גארניכטס גנעדיגער העהר.

פערנאנדא: וואר דא יעמאנד פון דעם יודען כפרדי?

אלווארעץ: ניין... ניעמאנד...

פערנאנדא: ניעמאנד?

חיה: דו הערסט שמעיה?

שמעיה: אראפ זאל דער דיר פיסק חיה.

פערנאנדא: הא שפריכט יעמאנד?

אלווארעץ: געוויס, דרויסען ביי די פענסטער (לויפט צו) זייט שטיל!

פערנאנדא: ווארסטו ביי דעם יודען מיט מיין בעפעהל?

אלווארעץ: יא, גנעדיגער גראף.

פערנאנדא: וואס האט ער געזאגט?

אלווארעץ: ער איז געוועזען נידערשלאגען, און האט געוויינט.

פערנאנדא: זא! דאס איז גוט. האט ער אויך דיר די שליסעל געגעבען?

שמעיה: דאס וועסטו נישט דערלעבען.

פערנאנדא: איזט די גרעפין צו הויזע?

אלווארעץ: יא העהר...

פערנאנדא: גוט, דו קענסט געהן (אלווארעץ אב, ווינקט צו זיי). זא! זא! ער האט געוויינט. הם די זאלען ערסט יעצט וויינען, (רופט) העלענא! העלענא! (אויפטריט העלענא).

פערנאנדא: הא, דא ביסטו ענדליך ליעבע שוועסטער, נון, ווי געהט עס דיר?

העלענא: דו שיינסט הייטע אין זעהר גוטע לאהנע צו זיין, מיין ברודער.

פערנאנדא: וואהרהאפטיג און דו נאך אימער בעזארגט אום דיינען נאבעלן געליעבטען.

העלענא: ברודער!!

פערנאנדא: פערפלוכטע געזינדעל, איך דיר זאג איך, דו זאלסט ניכט וואגען זאגאר צו דענקען פון איהם, ווי שענדליך,

דאָס האָבֿוואָהלגעבאָרענע פֿרײַלײַן פֿון קאַסטיליען צו פֿיסען פֿון אײַנעם אָרעמען שמוטציגען יודען.

העלענא: דענקסטו ווירקליך ברודער, דאָס קניען און בעטלען די ליעבע פֿון אײַנעם אָרעמע יודישען מעדכען איזט שעהנער אַלס ווערבען אום די ליעבע אײַנעם יודען?

פֿערנאַנדא: וואָס מײַנסטו? האַ?

העלענא: איך מײַן דאַמאַלס אַן דעם טאָג פֿון מײַן געבורטס־טאַג׳ס־פֿעסט, ווען דער עדלער גראַף פֿון קאַסטיליען האָט געקניעט און געבעטעלט די ליעבע פֿון דעם אַרמען יודישען מעדכען, אונד...

פֿערנאַנדא: גענוג! דו דומעס מעדכען, וואָס ווײַסטו? וואָס פֿערשטעהסטו? דאָס... דאָס... וואַר יאַ בלאָס אײַן שפּאַס, בלאָס זאָ, וואָס ווײַסטו?

העלענא: יאַ דו האָסט רעכט, איך ווײַס ניכטס, אָדער ריכטיגער געזאָגט איך דאַרף ניכטס וויסען.

פֿערנאַנדא: (העלענא וויל געהן) בלײַבע שוועסטער, איך האָבע דיר עטוואָס וויכטיגעס מיטצוטײַלען (זי זיצט).

חיה: איך בין הונגריג.

שמעיה: בײַס דיר אָב די צונג.

פֿערנאַנדא: יאַ מײַן קינד זעהר וויכטיגעס, דו ווײַסט, דאָס איך בין דעם קעניג פֿיליפּ אײַן טאָרעס־פֿײַנד בין, איך בין דער לעצטע שפּראָצלינג פֿון דעם הויז פֿון קאַסטיליען, די קראָנע געהערט מיר, יאַהרע לאַנג האָבע איך געאַרבײַטעט, אום שפּאַניענס אַדעל שפּאַניענס פֿיר מיך צו געווינען, אונד דער פּלאַן איז ענדליך פֿערטיג, צו דיזעס האָבע איך דעם קעניג געלאַדען אין מײַנע וועלדער צור יאַגד, אויף מיר איז דאָס לאָאָס געפֿאַלען איהם דורך אײַנען קוגעל פֿון דעם וועג וועגצוראַײַמען, און דאַן בין איך קעניג.

העלענא: דו ווײַסט ברודער, דאָס איך בין סטעטס געגען דעם שרעקליכען פֿערראַטה, דו ווירסט אויף דיך דאָס גרעסטע אונגליק ברענגען.

חיה: שמעיה דו הערסט?

שמעיה: וואָס דען, איך בין טײַב?

פֿערנאַנדא: וואָס פֿערשטעהסטו, וואָס ווײַסטו, קעניגס־בלוט פֿליסט אין אַלע מײַנע אָדערן, קעניג וויל איך און קעניג ווערדע איך זײַן. הײַטע קומט אײַן מאַרקיז נאַמענס דיע קאַסטראַ, דער פֿעלד־מאַרשאַל פֿון שפּאַניענס אַרמעע, ער איז פֿון יערען פֿערגעסערט, אויך איהם האָבע איך פֿיר מיך געוואָנען אונד הײַטע נאָך קומט ער צו מיר, אום אַלעס צו בעשפּרעכען.

העלענא: טהו, ווי דו ווילסט, אײַן אומגליק פּראָפֿעצײַעט מיר מײַן הערץ, אײַן אַבגרונד פֿון פֿערברעכען און שאַנדע פֿיר אונז בײדע.

פֿערנאַנדא: קום קום געליעבטע שוועסטער, בערוהיג דיך, לאָז די זאָרגען דײַן ברודער טראָגען, און דו זײַ לוסטיג און מונטער, קום, מיר מוזען אונז פֿאָרברײַטען דעם מאַרקיז צו עמפּפֿאַנגען (ביידע אַב, שמעיה און חיה קומען פֿון הינטער פֿאָרהאַנג).

חיה: אַז וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנץ געהענריג יאָהר, זאָל מיר אויסגעהן צו דײַן קאָפּ, צו דײַן לײַב און לעבען.

שמעיה: וואָס בעראַבאַנעסטו אַזוי חיה?

חיה: קוק אָן, עס האַרט איהם גאָר ניט, האָט מיך אײַנגעשפּאַרט אונטער די פֿענסטער אויף אַ שעה, איך בין דאָך שיער ניט דערשטיקט געוואָרען.

שמעיה: נאַרעלע, דו דאַרפֿסט גאָט דאַנקען, וואָס דו האָסט געהאַט אַ געלעגענהײַט האָטש אײַן שעה אין דײַן לעבען צו האַלטען צוגעמאַכט דײַן פֿײַערדיגען פּיסקאַטש, זעהסטו, מיך פֿרײַט עס דוקא, וואָס איך בין אַצונד דאָ געווען.

חיה: וואָס איז אויף דיר אַזאַ גדולה?

שמעיה: אַ קלײַניגקײַט, יודענע! פֿערד! לאָשעק! בײַ דיר איז דאָס אַ קלײַניגקײַט, אַז מיר זענען די יעניגע, וועלכע זענען געוואָהר געוואָרען אַז מען וויל אונזער גוטען קעניג פֿון דער וועלט משלח זײַן.

חיה: נאָ!!

שמעיה: נאָ, שטעל דיר נאָר פֿאָר, וואָס דאָ וועט זײַן, מיר לויפֿען אַהײַם און דערצעהלען דאָס דעם גוטען ר׳ ליבעלע און אַזוי ווי אונזער גוטער קעניג וועט נאָר אָנקומען, לויפֿט ר׳ ליבעלע און דערצעהלט עם איהם, דער קעניג ווערט מלא רציחה, און גיט אַ געשרײַ, דו גראַף פֿערנאַנדא לעזאָזל, און דו ר׳ ליבעלע זאָלסט ווערען אַ שני למלך, גיט ער נאָך אַ העכערען געשרײַ, שמעיה דו זאָלסט ווערען אַ מיניסטער, שמעיה ווערט מיניסטער, און גיט נאָך אַ העכערען געשרײַ, חיה! דו זאָלסט ווערען די כפרה!!!

חיה: איך??

שמעיה: נײַן, פֿערנאַנדא דער רוח.

חיה: נאָ און איך?

שמעיה: און דיר וועל איך צוזעצען אַ נאָמען, דו זאָלסט הײַסען חיה דינה און זאָלסט זײַן דער ספּאָדעק פֿון דער גאַנצע שפּאַנישע מדינה.

חיה: אוי גוט, טאקי גוט.

שמעיה: יא, גוט, דו האסט דאך אבער א פיסקאטש אויף שרויפען, און ביזט א יונגע דערצו און וואו האסטו געזעהן א יודענע זאל קענען האלטען א סוד.

חיה: שמעיה לעבען איך וועל שווייגען.

שמעיה: וועסט האלטען דעם סוד?

חיה: נאך א מין האלטען.

שמעיה: גערענק-זשע.

חיה:
אוי האב איך א סוד,
וואס איך קען ווערען פון איהם בעגליקט.
איך דאנק דיר גאט,
וואס דו האסט איהם צוגעשיקט.

שמעיה:
איך קען ווייבער אייך
איהר קענט א סוד נישט האלטען לאנג
איהר פליידערט אוים גלייך
ביי דעם בעסטען ערשטען גאנג.

חיה:
זארג דיך נאר ניט איך קען האלטען,
גלייך מיך ניט צו זיי
איך קען מיט מיר שאלטען וואלטען
מאך נאר קיין געשריי.

שמעיה:
ווען דו זאלסט נאר האלטען קענען
ביז דער רעכטער צייט
נישט דערצעהלען שפרינצען, העניען,
וועלען מיר ווערען לייט.

חיה: דעם סוד איך האלט.

שמעיה: האלט, האלט.

חיה: און זאג ניט באלד.

שמעיה: באלד, באלד.

ביידע: ביז די געלעגענהייט וועט זיין.

חיה: דערווייל נאך ניט.

שמעיה: ניט, ניט.

חיה: עס וועט זיין גוט?

שמעיה: גוט, גוט.

ביידע: ס'וועט פאר אונז זיין ווייל און פיין.

און א רייך שטיבעלע
שפיעלען א ליעבעלע
וואס אונז וועט זיך פערגלוסטען.

וועלען מיר טהוען באלד
ס'קומט גוטע צייטעלאך.
זיין וועלען מיר לייטעלאך
נאר ביז דער רעכטער צייט
דערווייל דעם סוד נור האלט.

(אויפטריט יאזעף, אלווארעץ).

אלווארעץ: ליעבער העדר, איהר ווייסט דאך ווי שרעקליך דער גראף איז אויפגערעגט, צו וואס דארפט איהר זיך אויסזעטצען דער געפאהר פון איהם ווידער אמאל בעליידיגט צו ווערען.

יאזעף: בערוהיגע דיך ליעבער פריינד, איך געה גלייך פארט, זיי זא גוט און געה צו דער גרעפין און זאגע דאס איך ערזוכע זי העפליך מיר מיינע ביכער דורך דיר צוריק-צו געבען.

אלווארעץ: געווים, געווים ליבער העדר (אב).

(שמעיה חיה לויפען אריין).

חיה: אוי טייערער העדר יאזעף.

שמעיה: א לעבען אויף אייך, וואס איהר זענט געקומען.

יאזעף: וואס מאכט איהר דא קינדער?

חיה: הערסט! גאט זיי דאנק, וואס מיר זענען דא.

שמעיה: דען ווען מיר וואלטען נישט געוועזען הא! הא!

יאזעף: וואס איז געשעהען?

חיה: אוי וואס מיר האבען דא געהערט.

יאזעף: וואס?

חיה: (צו שמעיה'ן) מעג איך?

שמעיה: וואס דען יא'עף'ן.

חיה: מיר זענען געקומען דערצעהלען אלווארעצן אז ר' ליבעל האט געפונען 28 בריליאנטען און מען וועט אונז שוין נישט דארפען ארויסטרייבען פון דאנען...

שמעיה: אזוי, איז אנגעקומען דער גראף מיט זיין שוועסטער.

חיה: מיש דיך ניט, ווען איך רעד.

שמעיה: יא!

חיה: און דער גראף האט איהר דערצעהלט, אז ער וויל טאקי ווערען דער קעניג פון שפאניען.

שמעיה: מילא וואס ער וויל, וויל איך אויך.

חיה: האלט דעם פיסק.

שמעיה: יא!

חיה: דערצו זאגט ער, אז ער האט אונזער קעניג פערבעטען צו

זיך אויף דער יאגד און אליין וועט ער איהם קירצער מאכען מיט א קאפ.

שמעיה: מיר זענען דארט געלעגען בעהאלטן און אזוי ווי מיר האבען דאס דערהערט זאג איך שטילערהייד, חיה נא?

חיה: דאס איז א ליגען דעם נא, האב איך געזאגט.

שמעיה: אמת זי האט טאקי געזאגט נא, האב איך געזאגט נא, נא.

יאזעף: אלזא דעם שלום... שנעל.

שמעיה: איך וויל זיין קעניג האט ער געשריען, היינט, זאגט ער, קומט דער מארקיז קאסטרא, וועלכער איז אויך אויף זיין זייט אום אלעס צו בעשליעסען, מיר האבען געוואלט לויפען דאס דער־צעהלען ר׳ ליבעלען.

חיה: נאר אזוי ווי מיר האבען אייך דערזעהן, זאג איך, לאמער עס דערצעהלען דעם הערר יאזעף.

יאזעף: עס איז גוט קינדער, איך דאנק אייך, איהר קענט געהן.

חיה: שמעיה נא?

שמעיה: זייט זשע איהר א עדות, אז זי האט געזאגט נא, און איך האב געזאגט נא, נא (אב).

יאזעף: זא זא, ער פלאנט מארד, פעררעטהע אויף דעם גוטען קעניג, הא פערנאנדא דע־קאסטיליע, ענדליך האב איך איינע וואפע געגען דיר, און דו ביזט נון דער יעניגע דער ציטערן זאל, הייטע קומט צו איהם מארקיז דע קאסטרא, אום מיט איהם דעם פער־אטה גענוי צו בעשפרעכען, זעהר גוט (אויפטריט אלווארעץ מיט ביכער).

אלווארעץ: היער ליעבער הערר זענען אייערע ביכער, פאלגט מיך און געהט שנעל פון דאנען.

יאזעף: יא, מיין ליעבער אלטער, איך געהע, און קענסט זאגען דעם גנעדיגען הערן גראף, דאס וויר ווערדען אונז באלד וויעדער זעהען. יא באלד, גאנץ באלד (ביידע אב).

(אויפטריט פערנאנדא, ר׳ ליב).

פערנאנדא: שפארע דיינע ווארטע יודע! מיט דיינען ביטען קענסטו צום טייפעל געהן.

ליב: גנעדיגער גראף, הערט נאר מיך אוים.

פערנאנדא: קיין ווארט! האסטו געלד, די גאנצע ראטע אויף איין מאל צו צאהלען איז גוט, זאנסט קיין איינציגעס ווארט, האסטו געלד?

ליב: יא.

פערנאנדא: אלזא?

ליב: איך האב ניט קיין בארעס געלד.

פערנאנדא: שוין וויעדער קיין געלד.

ליב: איך האב אבער אזעלכע זאכען, וועלכע זענען ווערט פיעל מעהר ווי געלד.

פערנאנדא: צום טייפעל, איך האב ניט קיין פאנדהויז.

ליב: ניט פערזעצען בין איך עס געקומען.

פערנאנדא: וואס דען פערקויפען? צייג וואס איז דאס.

ליב: דא אין דעם קעסטעלע האב איך בירושה נאך פון מיין עלטער־זיידען 28 בריליאנטען עדלע שטיינער, וועלכע קענען בעצירען אפילו א קעניגס קראנע (ר׳ ליבלע גיט איהם אייניגע).

פערנאנדא: ביי גאט, זאווס האב איך נאך ניט געזעהן, עכטע קראן־דיאמאנטען, ביטע הערר פאסעסאר נעהמען זי פלאץ.

ליב: איך דאנקע.

פערנאנדא: וויפיעל זאגען זי זינד דא?

ליב: 28, און ווייל איך וויים אז איהר זענט א גרויסער קענער, האב איך אייך געוואלט בעטען זיי אבצושאצען, און מיר זאגען זייער ווערטה.

פערנאנדא: מיט פערגניגען, ביטע נעהמען זי דאך פלאץ מיין בעסטער הערר ספרדי, רויכען זי איינע סיגארע, אדער לעזען זי איינע ציימונג, אין צווייטען צימער האב איך א וואג, פערגרעסערונגס־גלאז און אלע נויטיגע אינסטרומענטען (פער־נאנדא וויל געהן).

ליב: אבער איך בעט אייך גנעדיגער הערר גראף, מיך ניט לאנג לאזען זיצען, ווייל מיין טאכטער ווארט אויף מיר אין פער־צימער.

פערנאנדא: הא! איהר רייצענדעס פרייליין טאכטער איז אויך דא, נא, דאס איז שעהן (פערשליסט אלע טיהרען, אב).

ליב: (שמייכעלט) ליעבער הערר פאסעסאר, רויכען זי איינע סיגארע, זיצט מיין בעסטער הערר ספרדי, און מיט אייניגע מינוטען פריהער בין איך געוועזען א נידריגער פערדאמטער יודע. אוי געלד, געלד, אלעס צוליעב דעם ווימטען געלד. נון, צו ערשט איהם זיין ראטע בעצאהלען, דערנאך מיין יאזעפ׳ן דעם נדן סלוקען און מיט די איבריגע וועל איך שוין שפעטער זעהן וואס צו טהון (דענקט). הא, איין אויסגעצייכענטער געדאנק, א פאר פון די בריליאנטען וועל איך אוועק לעגען פיר אונזער גוטען קעניג, ער וועט דא די טעג זיין צום יאגד אין פערנאנדעס וועלדער, אזוי וועל איך מיך פאר איהם פאר־שטעלען און זאגען, אדוני המלך! איין אייניקעל פון דון עמנואל בעשענקט די שפאנישע קרוין מיט א פאר טייערע בריליאנטען, אום דו זאלסט מיט

חֶסֶר אַראָפּקוּקען אויף דײַנע יוּדישע אונטערטאַנען. אָבער וואָס זוימט ער זיך אַזוי לאַנג? איך וועל צו איהם פּרוֹבירען אַרײַן געהן, וואָס? פֿערשלאָסען גאָר? חע, חע, יאַ, וועל איך פֿאַרלײפֿיג אַרײַנרופֿען מײַן טאָכטער, וואָס זאָל זי נעבעך וואַרטען... וואָס איז דאָס? אויך פֿערשלאָסען? וועה מיר! וואָס טהוט זיך דאָ? אַ ווילדער שרעק יאָגט אין מיר אַרום, מײַנע געדאַנקען מישען זיך, און אַ קאַלטער שווייס בעפֿאַלט מיך... הע... דינער!.. מענשען!.. גנעדיגער הערר גראַף!..
(קלאַפּט) הערר גראַף! (אױפֿטריט פֿ ע ר נ א נ ד א גאַנץ געלאַסען).

פערנאנדא: וואָס ווילסטו יודע? וואָס מאַכסטו זאָ אַײנען ליאַרעם?

ליב: האַ! גאָט זײַ דאַנק, איהר זענט דאָ גנעדיגער הערר גראַף, האָט איהר שוין מײַנע בריליאַנטען אָבגעשאַצט?

פערנאנדא: וועלכע בריליאַנטען?!

ליב: די 28 בריליאַנטען, וועלכע איך האָב אײַך געגעבען.

פערנאנדא: וועלכע בריליאַנטען? יודע ביזטו פֿערריקט?

ליב: איהר מאַכט שפּאַס? גנעדיגער הערר גראַף!

פערנאנדא: וואָס שפּאַס! וואָס פּלוידערסטו יודע? מאַרש, פּאַק דיך פֿאָרט!

ליב: (ציטערנד) וועה מיר! איהר ווילט בײַ מיר מײַנע טײַערע בריליאַנטען, מײַן גוטס, מײַן פֿערמעגען רויבען?

פערנאנדא: פֿערדאַמטער יודע! ווילסטו מיך זעלבסט פֿערלאַסען, אָדער זאָל איך מײַנע דינער רופֿען?

ליב: האַ! די דינער? מיך נאָך אֶפֿשר שלאָגען? אַרויס יאָגען, זאָגט דער עדלער גראַף פֿון קאַסטיליע? הערר גראַף איך בעט אײַך... איך וואַרנע אײַך, רייצט ניט מײַנען פֿערצווייפֿעלטען הערץ, גיט מיר מײַנע בריליאַנטען און לאָזט מיך געהן.

פערנאנדא: פּאַק דיך צום טײַפֿעל, יודע!!!

ליב: (ווילד) האַ! האַ! חאַ, חאַ, חאַ... געראויבט!.. מײַנע!.. ווען איך געה פֿון דאַנען אַרויס בין איך אַ בעטלער, און מײַנע קינדער (וויינט) מײַנע קינדער, האַ, וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? וואו בין איך? אַ חָלום? (דערזעהט פֿערנאנדא) האַ! דו?! דו! דער עדלער גראַף אַ גנב, אַ רויבער, מערדער! רויבער! מײַנע בריליאַנטען! (כאַפּט איהם פֿאַר׳ן האַלז) מײַנע בריליאַנטען!..

פערנאנדא: (שרייט) הילפֿע!! דינער!! הילפֿע!..

שושנה: (ברעכט אויף די טיהר) אַלמעכטיגער גאָט! פֿאָטער וואָס געהט דאָ פֿאָר? וואָס האָסטו פֿערבראָכען?

ליב: פֿערבראָכען! האַ? יאַ, איך בין אַ גרויסען פֿערברעכען בעגאַנגען, איך האָב דיזען שופֿט געטרויט מײַנע 28 בריליאַנטען ער זאָל זיי מיר אָבשאַצען און ער האָט זיי בײַ מיר וועקגערויבט.

שושנה: אַ וועקגערויבט? נײַן פֿאָטער, דאָס איז דאָך אונמעגליך.

פערנאנדא: יאַ שושנה, דיזע בריליאַנטען האָבען אַ גרויסען ווערטה, איין פֿערמעגען, קײַן קעניגס קרוין דער וועלט בעזיצט זייער גלייכען, און דאָך וויל איך אײַך אַלעס צוריק געבען פֿיר איין וואָרט פֿון דיר...

ליב: וואָס הער איך? בעסטיע! מײַן גאַנצעס פֿערמעגען, מײַן לעבען איז נאָך ניט גענוג, דו ווילסט נאָך דאָס לעבען פֿון מײַן איינציג קינד? מערדער! וואַמפּיר! (רייסט זיך צו איהם, שושנה האַלט איהם איין).

שושנה: אום גאָטעס ווילען, בערוהיגע דיך פֿאַטער.

פערנאנדא: אַלטער, דײַן לערמען איז גאַנץ אומזאָנסט, האָב איך ניט דײַן טאָכטער, זאָ בעקומסטו דיזע בריליאַנטען ניעמאַלס צוריק.

ליב: אָ! אומזיסט טאָכטער מײַנע האַלסטו מיך צוריק, וואָס האָב איך דען נאָך צו פֿערלירען (רייסט זיך אַרויס) שורקע! רויבער! איינער פֿון אונז בײדע זאָל יעצט זײַן לעבען פֿערלירען.

פערנאנדא: דו נידריגער וואורם, דו זאָלסט דער איינער זײַן (פּאַקט איהם ביים האַלז) פֿאָרט מיט דיר פֿערפֿלוכטער יודע! (שמייסט איהם אין קעלער) זאָ! זאָ, מײַן רייצענדע העלדין, יעצט זיינד וויר אַליין. נון! חאַ, חאַ, חאַ, וואָס האָסטו דאַן געזאַגט, דאָס איך פֿערלאַנג אונמעגליכעס, דאָס וועלען מיר באַלד זעהען, קאָם, קאָם אין מײַנע אַרמען, מײַן טײַבכען (וויל זי אומאַרמען).

שושנה: צוריק! קײַן שריט ווײַטער! אַבשײַליכע בעסטיע! אָדער דיזער דאָלך זאָל דײַן שוואַרצעס הערץ דורכבויערן (ציהט דעם דאָלך) דענקסטו, דאָס איך ווייס ניט צו וועמען איך בין געקומען?

פערנאנדא: יאַ, דו ווייסט? דאַן זאָלסטו עס אין גאַנצען וויסען (ציהט רעוואָלווער) וועק מיט דעם דאָלך, וועק זאָג איך, אָדער בײַ מײַנער עהרע...

שושנה: שיס באַרבאַר, ליעבער דער טוידט איינער קוגעל, איידער געהערען אַזאַ שורקע ווי דו ביזט.

פערנאנדא: (ווילד) אָ, פֿערפֿלוכטע דירנע! (וויל שיסען) דאָך נײַן, נײַן, זאָ איינען לײַכטען טוידט זאָלסטו ניט האָבען, ערשט וויל איך דיך מאַטערן, קוועלען, מײַנע מעטרעסע זאָלסטו ערשט ווערען, און דאַן! דאַן! קאָם! קאָם! (וועהרענד ער וואַרפֿט זיך צו איהר, לויפֿט אַריין אַ ל וו אַ ר ע ץ).

אלווארעץ: זײַנע עקסעלענץ, פֿעלדמאַרשאַל דע־קאַסטרא.

פערנאנדא: (ערשראָקען) ווער? דע־קאַסטרא? וואַרט איין אויגענבליק... ער זאָל קאָמען (אלווארעץ אַב) און דו פֿער־

דאָמטעס ווײַב, דאָרטהין צו דײַן פֿאָטער, (שטופּט זי אין קעלער) און וועט איהר אײַך וואגען מיט אײן וואָרט אײן געשרײַ, זאָ שיסע איך דורך די טיהר און ערמאָרדע אײַך בײדע צום טײַפֿעל (קלאַפּט צו די טהיר).

(אויפֿטריט אַלוואַרעץ, דע־קאַסטראַ).

אלוואַרעץ: זײַנע עקסעלענץ! (פֿערנאַנדאַ הייסט אַלוואַרעצ'ן געהן) געה און ברעך דעם קאָפּ דו בײזער הונד!

פֿערנאַנדאַ: ווילקאָמען עקסעלענץ, זײַט מיר טויזענד מאָל ווילקאָמען אויף מײַן געביט, ביטע! (ציינגט אַ שטוהל)

דע קאַסטראַ: דאַנקע, דאַנקע, מײַן ליעבער, וואַקערער הערר גראַף! נון, וואָס גיעבט נײַעס?

פֿערנאַנדאַ: אַלעס איז אין דער בעסטען אָרדנונג. דער קעניג און זײַנע יענער האַבען אַנגעלאַנגט.

דע קאַסטראַ: נידער מיט דיעזען קעניג!

פֿערנאַנדאַ: יאַ, דאָס זײַ אונזער לאָזונגס־וואָרט, נידער מיט פֿיליפּ דעם ערשטען, נידער מיט דיעזען ליבעראַלען קעניג! מען מוז די אַלטע צײַטען וויעדער אײַנפֿיהרען. עקסעלענץ, מאָרגען ווירד דער קעניג אין מײַנע וועלדער יאַגען, אויף מיר איז דאָס לאָז געפֿאַלען איהם דורך מײַן שוס וועק צו שאַפֿען, יאַ, ער מוז פֿאַלען, שטירצען, און דאַן! דאַן!?

דע קאַסטראַ: און דאַן זאָלסטו מיט דײַנען לעבען דאַפֿיר בעצאַהלען.

פֿערנאַנדאַ: אַבער עקסעלענץ!

דע קאַסטראַ: יאַ, ענדליך האָב איך דיך אין מײַנע געוואַלד און ציטער'ן, שוידערן זאָלסטו!

פֿערנאַנדאַ: ווער שפּריכט צו מיר?

דע קאַסטראַ: קײַן אַנדערער אַלס דער יודע יאָזעף.

פֿערנאַנדאַ: האַ! פֿערפֿלוכטער שורקע, דאָס זאָלסטו מיר מיט דײַן לעבען בעצאָהלען (וויל איהם שיסען, עס לויפֿט אַריין העלענא פֿערשטעלט יאָזעפֿען. פֿערנאַנדאַ האַט אַ ביקס, אַלוואַרעץ האַלט אַרויס, שמעיה תּיה לויפֿען אַריין מיט שטעקענס, שושנה לויפֿט אַריין ערשראָקען, ר' ליבעלע לויפֿט אַריין ווילד, שוואַך און שרייט).

ליב: מײַנע בריליאַנטען! מײַנע בריליאַנטען!..

פֿאָרהאַנג.

דריטער אקט.

(וועלדער, יעגער־כאָר).

כאָר: טיק טאַק, טיק טאַק נון לאָרעט דאָס געוועהר
טיק טאַק, טיק טאַק מיט בלײַא און פּולווער שווער } (בים)

קעניג: גיבּט דאָס סיגנאַל
כאָר: צום ווידערשאַהל } (בים)

כאָר: טיק טאַק, טיק טאַק
נון גראַדע ווי אין שלאַכט. } (בים)
טיק טאַק, טיק טאַק
נון אַלע אויף צום יאַכט. } (בים)
טיק טאַק, טיק טאַק
נון אַלע אויף צום יאַכט } (בים)
אויף צום יאַכט
אויף צום יאַכט. } (בים)

קעניג: וויר מאַרשירען אין די וועלדער
ווי דורך שרײַפֿען די פֿעלדער
אויף יעדער אויף זײַן פֿערד
לאָזט זעהן פֿון יעדען זײַנעם ווערט
שיסען אויף די האַזען
לאָזט דעם האָרן בלאַזען } (בים)
אויך פֿיקסען לײַגט נידער
אַבענדס זעהן וויר אונז ווידער
פּיף פּאַף.

כאָר: שנעל מאַרשירט.

קעניג: פּיף פּאַף.

כאָר: ניבּט פֿערוויררט פּיף פּאַף (8 מאָהל).

קעניג: גיבּט דאָס סיגנאַל

כאָר: צום ווידערשאַהל

קעניג: גיבּט דאָס סיגנאַל

כאר : צום ווידערשאהל.

קעניג : גראדע ווי אין שלאכט
אלע אויף צום יאכט.
יא דעם פיינד בעזיעגט מיט מאכט (כאר בים).

קעניג : נון מארשירט. (בים) (בים קעניג כאר)

כאר : נון מארשירט.

קעניג : נאר מיט מוטה זאל אלעם געהן
מיט מוטה צום גרויסען יאכט.

כאר : גראדע ווי אין שלאכט
יעצט צו דער יאכט
אלע, אלע, אלע נון מארשירט
האלט דאס געוועהר
קיין מאל נישט שווער
אלע, אלע נון מארשירט.

קעניג : גיבט דאס סיגנאל (בים)

כאר : הא...
גראדע ווי אין שלאכט... (א. ז. וו. מאנעווירט)
אויף דער יאכט, אויף דער יאכט.

פ ע ר נ א נ ד א קומט מיט א אנדערע פארטיי יעגער).

פערנאנדא : אלוא פריינדע, היינטע איז דער טאג, דער גרויסער גליקליכער טאג, ווען שפאניען ווערט זיך ענדליך בעפרייען פון פיליפ דעם ערשטען; ער, וועלכער ערנידריגט די אדעל און ציהט פאר די בויערן און די יודען, ער מוז היינטע פון דער וועלט פערשווינדען, און דאפיר האט איהר אלע מיר פערשפראכען מיך צום קעניג צו קריינען, אלוא בלייבט איהר אייער פערשפרעכען טריי?

אלע : יא!

פערנאנדא : אלוא היר האב איך איין פאפיער פערפערטיגט, אין וועלכען איהר אלע פערפליכטעט אייך מיך צום קעניג פון שפאניען צו קריינען, ווערט איהר דאס אונטערשרייבען?

איינער : אלוא, וואצו דאס אונטערשרייבען?

פערנאנדא : מיינע ברידער, פארזיכט איז די טוטער דער ווייזהייט, פיללייכט געלינגט מיינע אונטערנעהמונג ניכט, און איינער פון אייך אום דעם קעניגס פריינדשאפט צו געווינען זאל איהם איינפאלען מיך צו פערראטהען, דאן זאל דיזעס דאקומענט צייגע זיין, דאס איהר אלע האט אין דיזער פערשווערונג טייל גענומען גראדע ווי איך.

איינער : רעכט, דער גראף האט רעכט!

אלע : רעכט! רעכט! (אלע אונטערשרייבען אויף די פלייצעס פון איינעם).

פערנאנדא : נון, פריינדע, פערטיילט אייך, פעראייניגט אייך מיט דעם קעניגס יעגער, דאמיט עס פאלט אויף אונז קיין פערדאכט.

איינער : גליק אויף ליעבער הערר גראף!

אלע : עס לעבע דער נייער קעניג פון שפאניען! (אלע אב. אין דער צייט פערשטעקט זיך שמעיה אונטער א בוים).

פערנאנדא : זא, יעצט בין איך פון אלע זייטען און מיט אלעם זיכער.

שמעיה : עט, עס רעדט זיך נאר אזוי.

פערנאנדא : דיזעס פאפיער איז זעהר וויכטיג, און דאך דארף איך עס ביי זיך ניט האלטען, אלוא, דא אונטער דיזען בוים (גראבט מיט'ן זעבעל) זא, יעצט איז אלעם אין דער בעסטען ארדנונג, דער פלאן איז פערטיג, יעצט העלף דו מיר נאך דיזעס מאל מיין גליקס-שטער'ן און דער מארגענדיגער טאג זאל מיך בעגריסען אלס קעניג פון שפאניען (אב, ש מ ע י ה קומט פאר).

שמעיה : שוין טאקי מארגען? עט, ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך, דו דער קעניג פון שפאניען? ניט זאלאנג שמעיה לעבט, נאר לאמיך נאר זעהן וואס האט ער דארט געגריבעלט מיט דעם זעבעל, מיט דעם קלינגעל (שארט דאס ערד) הא? א פאפיער! נאר וואס זאל דאס אזוינס בעדייטען? אוי געוואלד! פאר וואס האט מיך מיין טאטע ניט געלערנט שפאניש, אבער דאס שאדעט אויך ניט, איך וועל דא אין וואלד אויפזוכען שושנה'ן מיט ר' ליבעלען. אוי וועה צו מיינע יאהרען אז איך דערמאן מיך אן דעם גוטען טייערען ר' ליבעלע, ווערט מיין הארץ ווייך ווי א לעמעשקע, זייט מען האט ביי איהם די טייערע ברילאנטען אוועק גערויבט און איהם פון דעם דארף פעריאגט, האט ער נעבעך זיין פערשטאנד פערלארען, וואלגערט זיך ארום אין די וועלדער, וואו ער טאגט, דארט גענעכטיגט ער ניט, אוי! אויף אלע שונאי ישראל געזאגט, יא מחשבות'ן, וואס זשע טוהט מען מיט דעם בריעף? מיך וואונדערט נאר, אז א גראף זאל האבען א קאפ פול אנגעשטאפט מיט שמאטעס. ער אליין האט געזאגט, אז דאס איז א נויטיגער בריעף טא פאר וואס זשע האט ער איהם בעגראבען אין דער ערד? סטייטש, ער קען דאך נאך פערפוילט ווערען? זאגט שמעיה הגדול, אז דא איז דער בריעף גאנץ זיכער (לעגט איהם אין קעשענע. חיה דערזעהט עס און בעהאלט זיך) אצונד וועלען מיר לויפען צו אונזער גוטען קעניג און איהם אלעם ערצעהלען, אי, ווערט מען מיך דאך פרעגען, שמעיה, וואס לויפסטו? וועל איך זאגען, כדי מען זאל מיינען אז איך האנדעל... אבער דאס לויפען אליין איז אויך ניט קיין געשעפט, דארט קראכט, עס שיסט, זיי קענען נאך מיינען אז איך בין אויך עפעס א ווילדע חיה און מיך אויך צו וואלען, פע! זיך צו ליינען אין מיט'ן דערינען נאך איידער איך האב חתונה

געהאַט, דאָס געהט ניט, איך וועל מיך דאָ צולייגען, אַז דער גוטער קעניג וועט פאַרביי געהן, וועל איך איהם באַלד פערהאַלטען דעם וועג, און איהם זאָגען, אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ! זאָלסט וויסען, אַז... אַז... עט, איך וועל אייך ניט אויסזאָגען וואָס איך וועל איהם דערצעהלען. שמעיה, שלאָפען! (לעגט זיך אויף אַ גראָז־באַנק. אויפטריט חיה).

חיה: אָט דאָ ליגט ער דער פויגעל־שיסער, אַ מאַכער, אַ העלד, האָט זיך אויסגעפוצט מיט די שמאַטעס און לאַטעס, האָט זיך אַוועק־גע׳גנבה׳ט פון מיר און לויפט צום קעניג נאָר... „לא”, ניט חיה׳ן, איך האָב מיך אויך פערשטעלט פאַר אַ מאַנדריט פוץ נאָך און אָט בין איך דאָ, האָסטו געהערט אַ אַקציע. ער וועט לויפען צום קעניג, און חיה וועט קאָכען וועטשערע... דאָס פאַפיער מוז איך ביי איהם, אַרויס גנבה׳נען, און לאָז ער ניט זיין אַזאַ גרויסער קנאַקער (סצענע ביז זי נעהמט אַרויס).

שמעיה: (ערוואַכט, זי בעהאַלט זיך) מיר דאַכט זיך, אַז אַ שלאַנג האָט זיך דאָ געדראַפעט אויף מיר (מען שיסט) ניין, דאָ איז ניט קיין געשעפט צו שלאָפען, איך וועל מיך ערגעץ אויסזוכען אַ זיכערען פלאַץ (אַב).

חיה: האָסטו געהערט איין אַקציע, אַלסדינג קומט נאָר אָן זיי. זיי זענען די ברויט־געבערס, די העלדען, און איך חיה זאָג פערקעהרט, ווער ברענגט די העלדען אויף דער וועלט? ווער ליידעט צרות און בויכוועהטיג? ווער קאָכט די לאָקשען? ווער דראַפעט מיט די נעגעל? מיר פרויען זענען די גרעסטע העלדען.

I.

די פרוי זי איז אַ העלד וואָס געבען קען
צו שווער איז פאַר איהר גאָר קיין שום זאַך
זי האָט פיעל מוטה, זי האָט אין זיך דעם ברען
זי איז מעכטיג חאָטש זי זעהט אויס שוואַך.
ווי זי אַרבייט שווער
דאָך פלייסיג איז זי מעהר,
נאָר אַ מענש איז דאָס פרויען צימער
איהר, מענער, ווייסט עס גוט,
אַז ווען איהר האָט אונז ניט
געהט עס מיט אייך פיעל שלימער.
זי קאָכט אייך אָב איהר עסט
און גיט אייך פון דעם בעסט
איהר האָט אַ קורצען זכרון, איהר פערגעסט
פריוועט נאָר, פריוועט אָהן ווייבער זיך בעגעהן
חָרוּב וואָלט געוואָרען די וועלט
בענער זיינט זיך מודה און זאָגט אַליין

אויב די פרוי איז ניט קיין וואַהרער העלד.

II

די פרוי, זי שלעפט דעם מאַן פון בלאָטע אַרויס
פון שיכּרות און פון קאָרטען פון ווייס דער רוח
זי פיהרט איהם איין אַ ליעבע היים אין הויז
און זי מאַכט פון מאַן אַ לייט אויך גיך
און אַז גאָט העלפט דאַן איז אַ פערגעניגען
זי גיט איהם אַ קליינישקעס צו פערוויגען
זי געהט אין מאַרק אַריין
זי קויפט מציאות איין
פאַר איהם וואָס זי קען קריגען
זי קאָכט אייך אָב איהר עסט
און גיט אייך פון דעם בעסט
איהר האָט אַ קורצען זכרון איהר פערגעסט...

(זי לויפט, מען שיסט און זי פאַלט, שמעיה קומט אָן פערשלאָפען און פאַלט איבער איהר).

שמעיה: וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה? האַ? וואָס איז דאָס? וועה מיר, ס׳איז דאָך גאָר מיין חיה! (טאָרעט זי.) חיה! שטעה אויף חיה! אוי, זי איז טוידט, אַזאַ כשרה חיה, אַזאַ שעהנע חיה, קוקט אָן, אפילו נאָכ׳ן טוידט האַלט זי אויך אָפען דעם פיסק. אוי מיין כשרה חיה, לאָמיך דיך חאָטש צומאַכען דיינע ליכטיגע אויגען, לאָמיך דיך חאָטש צומאַכען דיין פיסקעלע (חיה גיט אַביס זיין פינגער) לאָז אָב מיין פינגער, אוי וועה איז מיר, געוואַלד, זי בייסט מיר אָב דעם פינגער, לאָז אָב! געוואַלד! (געשיהט) צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען זעה איך אַז אַ טוידטער זאָל זיך בייסען, אוי חיה, מאַך דיך ניט נאַריש און שטעה אויף חיה, חיקעלע, נְשָׁמָה זי וויל ניט געהן, שלעכט, נאָ, וואָס זאָל מען טהון? געשטאָרבען, פערפאַלען ווי עס ווייזט אויס וועל איך מוזען חתונה האָבען מיט מרים דבורה, דער טוקערין.

חיה: וואָס? דיר אויף צוזעצעניש ועסטו מוזען מיט מיר חתונה האָבען.

שמעיה: גאָט איז מיט דיר, איך, וויל דען ניט? קום אַוועק פון דאַנען מען קען דיך נאָך דער׳הרג׳נען.

חיה: דיר האַרט ניט דאָס דערהאַרגענען, ווי דיר האַרט דאָס לעבעדיג ווערען.

שמעיה: שטייטס, וואָס רעדסטו? איך?

חיה: (שטיל) מרים דבורה די טוקערינס, קום, האָסטו געהערט אַ אַקציע (בײדע אָב, אויפטריט יאָזעף מיט אַ קיישעל ברויט און אַ פלאַש וויין).

יאזעף : אוי ווי! מיעד איך בין. א דו פֿערפֿלוכטער פֿערנאַנדא, עס איז איהם נישט גענוג וואָס ער האָט אונז פֿערטריבען, נישט גענוג וואָס ער האָט שטרענג פֿערבאָטען אין דער גאַנצער געגענד אונז שוץ צוגעבען, האָט ער אויך בעפֿאָהלען מען זאָל אונז גאָר נישט פֿערקויפֿען, אָבער מיר איז עס דאָך געלונגען ביי גוטע מענשען צו קריגען ברויט מיט ווײַן, אָבער וואו זאָלען זיי ערגעץ זײַן ? איך קען זיי אין ערגעץ ניט געפֿינען (ערבליקט א טלית אויף אבוים) האַ! ריכטיג דאָס איז עס, שושנה האָט מיר געזאָגט אַז זי וועט אויפֿהענגען אלס צייכען דעם טלית אויף איין בוים און דאָ וועט זײַן דאָס פלאַץ פֿון אונזער צוזאַמען־קונפֿט, יאַ זיי וועלען געוויס אַהער קומען, דעם טלית וועט אַ יוד ניט איבערלאָזען, אוי טלית׳ל, הייליגער סימבאָל, דעם יודענס שענסטע קלייד און צירדע, מ׳שלאָגט, מ׳קוילעט מ׳טרייבט, מ׳רויבט, אַלעס נעמט מען ביים יודען אַוועק נור ניט דעם טלית.

I.

דאָס טלית׳ל איז דאָך אַ טייערע זאַך

דאָס געהער צו דעם יודען.

יעדער יוד האָט אין איהם האָפֿנונג אַ סך

יעדער איז מיט איהם צופֿריעדען.

אַך טהייערער טלית, הערצליכע טרייסט.

פֿיל תּפֿילות הערסטו דיך אָן

פֿון אלע ביטערע הערצער דו ווייסט

פֿיהלסט גאַנץ גוט דעם יודענס פּיין

ביזט שטענדיג מיט דעם יודעלע.

פֿון זײַן בּרית אָן האָט ער דיך

אויך ווען מען גראָבט מיט דעם יודעלע

וויקעלסטו איהם איין מיט זיך

בעגלייטערין אין גלויבינקייט

דו ביסטו דאָך מײַן עווינקייט.

דאָס טלית׳ל איז דאָס איינציגע קלייד

פֿאַר דעם יודען אין זײַן פֿרייד און לייד

פֿון זײַן געבורטסטאָג ביז אין קבר געהט ער מיט איהם מיט

ווערט איבעראַל געיאָגט,

זײַן לעבען איהם געפּלאָגט

אלעס וואָס ער פֿערמאָגט נעמט מען צו ביים יוד

אַלעס, אלעס, נור דעם טלית דאָס נעמט ניט

V.

ווען איך בין געוואָרען נאָר 13 יאָהר,

האָט מען אָנגעטהון מיר אַ טלית,

ווי ווייניג איך האָב דאַן פֿערשטאַנען גאָר

וואָס עס מיר טייערער פֿון אלעס.

איך האָב דאַן אין מײַן דרשה צו געזאָגט

האַלטען מײַן טלית׳ל ריין,

לײַדער בין איך פֿון דעם גלות געפּלאָגט

שטענדיג אין טרעהרען און געוויין

אָנגעזאַפּט איז ער מיט מײַן טרעהר

ט־יקענט זיך קיין מאָל ניט אויס,

איהם איז אויך מײַנע צרות שווער

מײַן פּײַן ווי זײַן פּײַן איז גרויס

בעגלייטערין אין גלויבינקייט

דו ביסט דאָך מײַן עוויגקייט א. ז. וו.

(נאָך געזאַנג הערט מען ליב און שושנה׳ס שטימע).

יאזעף : שושנה! פֿאַטער! דאָ בין איך,

(ר׳ ליב, שושנה).

ליב : לאָזט מיך, לאָזט מיך קלאָגען אויף מײַנע קינדער.

יאזעף : טײַערער אָנקעל, אָט דאָ זענען אײַערע קינדער נעבען אײַך.

ליב : ניין, ניין, גאָט האָט זײַנע קינדער, פֿערלאָזט די לוים פֿון דעם בית המקדש פֿערטריבען, שטיל, וויסט, נור דאָס נאָר־גלען פֿון אַ ו־אַסער׳ל הערט זיך, עס פֿליסט שטאַרק, עס ווערט אַלע מאָל גרעסער, עס קאָכט, עס זידט, האַ, אַ טײַך פֿון יודיש בלוט, עס פֿערפֿלייצט די גאַנצע וועלט, וויסט... די האַרפֿען צו בראָכען, די סטרונעס פֿון אונזערע הערצער צוריסען, דער הימעל איז שוואַרץ גע־קליידעט און גאָט זיצט שבעה נאָך זײַנע קינדער.

שושנה : זעה טאַטעניו, אָט דאָ זענען דײַנע קינדער.

ליב : מערדער! רויבער! גיעב מיר אַוועק מײַנע בריליאַנטען!

יאזעף : טײַערער אָנקעל, זיצט, רוהט אײַך אַ ביסעל אָב, הײַנט דאַרף מען זיך ניט אויפֿרעגען, ווײַל עס איז שבת.

ליב : הײַנט איז שבת, שבת קודש, הײַנט איז יום שבתון יום מעדנים און אין דעם שבת קודש בין איך פֿערשמאַכט פֿון הונגער, פֿערטריקענט פֿון דאָרשט, אוי, וואו נעהמט מען חאָטש אַ טרוקען שטיקעל ברויט ?!

יאזעף : זעהט אָנקעל, איך האָב געבראַכט אַ פֿלאַש ווײַן, איך האָב אויך ביי אַ יודען געפּועלט, ער זאָל אײַך לאָזען ביי זיך אין געהיים איבערנעכטיגען אַ צײַט, און איהר וועט ניט דאַרפֿען נעכטיגען אין די וועלדער.

ליב : רבש״ע, דו ביזט זיך מרחם איבער אונז, און איך וועל ווידער

מיט שמחה לויבען דיין הייליגען נאמען, יאזעף! קינד מיינס, האסט מיך דערמאנט אז היינט איז שבת מברכים, גיב מיר מיין טלית, איך וויל בענטשען ראש חדש, איך וויל בעטען גאט אז דער נייער חדש זאל אונז ברענגען ברכה הצלחה און א ישועה, אויף אלע אונזערע פערפאלגטע אונגליקליכע ברידער.

ליב: יהי רצון מלפניך.
ביידע: יהי רצון מלפניך.
ליב: יהי רצון מלפניך שתחדש עלינו את החודש הזה.
ביידע: את החודש הזה.
ליב: את החודש הזה לטובה ולברכה.
ביידע: לטובה ולברכה.
ליב: יהי רצון, גאט, דערהער מיין תפלה,
איך גיב פאר דיר אוים מיין געפיהלע,
און בעט דיך דו זאלסט אונז
פון דעם גלות בעפרייען
און אונזער לעבען מיט גוטען בעניינען,
אז פון דיזען חודש אן
זאל דיין הייליגע נאציאן } (בים).
יאזעף: נישט ליידען מעהר, ניט פערגיסען קיין טרעהר.
שושנה: נישט ליידען מעהר, וויש אב זיין טרעהר.
ליב: ותתן לנו חיים ארוכים.
יאזעף: חיים, חיים, חיים, חיים של שלום.
שושנה: חיים, חיים, חיים, חיים של טובה.
ליב: חיים, חיים, חיים, חיים של ברכה.
ביידע: חיים של פרנסה.
ליב: שיק שוין דעם גואל משיח בן דוד,
און ברענג אונז א חיים של עושר וכבוד.
חיים שימלאו משאלות לבנו לטובה.
אלע: אמן סלה! (מען הערט א שאס, דער קעניג פאלט אריין פערוואונדעט).
יאזעף: וועה מיר! זעהט נאר, א מענשען דערשאסען ער פערבלוטעט, גיט מיר שנעלער וואסער.
שמעיה: וואו נעהמט מען וואסער?
יאזעף: דארט אין א פלאש איז דא ווין (שמעיה וויל טרינקען).
חיה: וואס טרינקסטו אוים די ווין?
שמעיה: איך האב נאר א שמעק געטהון, צו ער איז ניט אוים געהעבט.

יאזעף: גיט מיר לייווענד.
שמעיה: וואו נעהמט מען לייווענד?
יאזעף: (טראכט)... דאס טלית שנעל!
שמעיה: דעם טלית גאר?
יאזעף: ווען א מענש איז אין געפאהר אין קיין עבירה (שמעיה פערבינדעט מיט א שטיק טלית די וואונדע).
יאזעף: ער איז געזעגנט!
שמעיה: געזעגנט!
חיה: גערעטעט!
יאזעף: ער מאכט שוין אויף די אויגען.
שמעיה: ער מאכט שוין מיט די אויגען.
שושנה: גאט זיי דאנק! (אויפטרים אמבראזי יעגער).
אמבראזי: וואו איז דער קעניג? אה מאיעסטעט, וואס פאר א אונגליק?
אלע: דער קעניג! (קניען).
קעניג: ווען ניט דיזער יודע, וואלט איהר יעצט מעהר קיין קעניג געהאט.
אמבראזי: ווי אונגליקליך בין איך, דאס ניט מיין האנד האט דיינע וואונדען פערבונדען.
קעניג: דיזער יונגערמאן האט עס זעהר געשיקט געמאכט. יונגערמאן, מיט וואס זאל איך דיר אבדאנקען?
יאזעף: עדלער מאנארך! ניט מיר קומט דער דאנק, נור דיזען ווירדיגען גרייז, דען נור איהם צוליעב האב איך אין דיזע געגענד פערבראכט.
קעניג: ווער איז דער אלטער, מיט דעם פערווירטען בליק? אלטער שוי מיך אן.
יאזעף: דיזער גרייז איז ליב ספרדי איין אייניקעל פון דעם בעריהמטען שפאנישען דון עמנואל, ווייט פיעלע יאהרען וואהנט ער אויף דעם גוט פון דעם גראף פערנאנדא פון קאסטיליען, אונלענגסט איז ער דורך פערשידענע אונטערנעהמונגען פערארמט געווארען און איז ניט געוועזען אים שטאנדע די רענטע צו בעצאהלען, און דער גראף האט איהם פון זיין גוט פעריאגט, דאס איז אבער ניט אלעס, דורך אזעלטענעם צופאל האט דער אלטער געפונען 28 זעלטענע בריליאנטען, וועלכע זענען נאך פון זיין גרויספאטער געבליעבען, מיט פריידע איז ער געלאפען צום גראף, ער זאל זיי אבשאצען, דער גראף האט זיי ביי איהם וועקגערויבט, איהם געשלאגען און פעריאגט, זייט דאן איז ער עטוואס פון זינען, דאך האט ער מאנכע טעג, ווען ער איז ביים פערשטאנד, אזוי וואנדערט ער מיט זיין טאכטער אין די וועלדער

און איז פֿאַסט טעגליך, דען גרעסטען געפֿאַהר אויסגעזעצט.

קעניג: מענש! גענוג! וואָס דו ערצעהלסט, איז שרעקליך, שוידער־האַפֿט, גראַף פֿערנאַנדא, האָסטו געזאָגט, ער, מײַן בעסטער פֿרײַנד, איין דיעב, איין רויבער, אונמעגליך, איך גלויב קיין וואָרט.

יאזעף: אין דער געגענוואַרט פֿון דיזעס מעדכען האָט ער זיך גע־אייסערט דאָס ער בעזיצט די בריליאַנטען און פֿערשפּראָכען זיי צוריק צו געבען דאַן, ווען זי ווירד זײַן שענדליכען ווילען טהון.

קעניג: אַ הער־אויף! הערט איהר דאָס מײַנע עדלע העררן?!

אלע: שרעקליך!

אמבראזי: די זאַכע פֿאָדערט שטרענגע אונטערזוכונג, דען נאָך שטעהט בײַ אונז די עהרע דעם גראַפֿען צו הויך און זאל זיך בײַ דער אונטערזוכונג אַרויס־צײַגען, דאָס עס איז ניט מעהר אלס איינע פֿערלײַמדונג, זאָ בּיזטו דער שטרענגסטער שטראַפֿע אונטערוואָרפֿען ניכט אַכטענד דאַרויף, וואָס דו האָסט דעם קעניג זײַן לעבען גערעטעט.

קעניג: און ווי זאָלען מיר די אונטערזוכונג בעגינען.

אמבראזי: מאַיעסטעט, איך האָב אַ פֿאָרטרעפֿליכען פּלאַן.

קעניג: לאָז הערען!

אמבראזי: מײַנער מײַנונג נאָך, זאָל איין באַל פֿעראַנשטאַלטעט ווערען אין קעניגליכען הויף און אַ גרויסער פּרײַז זאָל אויסגעזעצט ווערען דעם, אָדער דער יעניגער, וועלכע וועלען טראָגען די שענסטע בריליאַנטען און אויף דיזער אַרט וועלען מיר פֿיללײַכט אויף דער שפּור קומען.

קעניג: פֿאָרטרעפֿליך, זאָ זיי עס און איהר מײַנע עדלע העררען שטילע און פֿערשוויגענהײַט פֿאָדערט פֿון אײַך אײַער קעניג.

אלע: אונזער עהרענוואָרט!

קעניג: יעצט מײַן ליעבער אַרצט, בעטראַכטעט דעם אונגליקליכען אַלטען, פֿיללײַכט קענען זי איהם העלפֿען.

אמבראזי: (בעטראַכט איהם) ער איז דורך איין צופֿאַל עטוואָס גײַסטיג געשטערט איין צופֿאַל וועט איהם באַלד זײַן פֿערשטאַנד צוריק געבען דאָס לאָזט זיך זעהר לײַכט מאַכען.

קעניג: אַלזאָ נעהמט דעם ווירדיגען אַלטען, און איהר אַלע פֿאָלגט אונז נאָך.

אמבראזי: קומט אַלע אַרײַן, עס לעבע דער גוטער קעניג!

אלע: האָך! האָך!

ליב: קינדער, וואו בין איך? ווער זענען די אַלע מענשען?

יאזעף: יעצט מאַיעסטעט, איז ער בײַם פֿאָלען פֿערשטאַנד. זעהט אָנקעל, דאָ איז אונזער גוטער קעניג.

ליב: האַ? אונזער קעניג? יאַ דאָס בּיזטו, איך קען דיך מײַן עדלער קעניג, אַבוואָהל איך האָב דיך קײנמאָל ניט געזעהן אָבער אין מײַנע געדאַנקען האָב איך דיר פּונקט אַזוי יונג און שעהן פֿאָר־געשטעלט (קניעט) אדוני המלך! העלף אונז, מיר לײַדען זאָ פֿיעל, מיר קענען שוין די צרות ניט מעהר איבּערטראָגען, גערעכטיגקײַט מײַן קעניג!

קעניג: קום מיט מיר עדלער אַלטער, איך ווייס אַלעס, און בײַ מײַנער קראָנע שווער איך דיר, דאָס דיר, זאָל נור גערעכטיגקײַט פֿערשאַפֿט ווערדען, פֿאָלגט אונז נאָך.

ליב: רבש״ע דו קוקסט וויעדער אַראָפּ אויף דײַנע קינדער, העלף מיר אויך. און מײַנע קינדער און קינדס־קינדער וועלען דיך עוויג לויבען פֿאַר דעם חסד, וואָס דו האָסט מיט מיר געטוהן. אין דעם טאָג פֿון דעם שבת קדש.

פֿאָרהאַנג

פיערטער אקט.

(טראָהן־זאַל בײַ׳ם קעניג. אויפֿטריט פֿערנאַנדא העלענא).

פערנ׳: וואַהנזיניגע, ווילסטו זיך און מיך אין איין אונגליק שטירצען?

העלענא: איך האָב עס דיר צו הויזע געזאָגט, און האָב דיך גע־בעטען ניט צו געהן אויף דיעזען זאַל, ווענינגסטענס מיך זאָלסטו פֿערשוינען.

פערנ׳: איך זאָל ניט קומען, וועהרענד דער קעניג האָט זאָ איינען האָהען פּרײַז אויסגעזעצט פֿיר דען־יעניגען, דער דאָס שענסטע שמוק בעזיצט. איך זאָל ניט קומען, וועהרענד עס האַנדעלט זיך אום רוהם און עהרע פֿאַר אונז?

העלענא: אָבער דיעזע בריליאַנטען ברענען ווי אַ פֿײַער אין מײַנע געהירען, איך, דו, מיר בײדע, ווייסען גוט ווי אַזוי דיעזע בריליאַנטען צו אונז קומען. ברודער, פֿערנאַנדא! הער־צו די שטימע פֿון דײַן שוועסטער, ווענינגסטענס איין מאָל אין דײַן לעבען, קום נאָך הויזע, פֿאַל ניט אין דער עפֿענטליכקײַט מיט דיעזע בריליאַנטען, אָה, מײַן הארץ פּראָפֿעצײַעט מיך איין שרעקליכעס אונגליק.

פערנ׳: קיין וואָרט מעהר, דו ביזט פֿון זינען! שטיל, דער הויף פֿערזאַמעלט זיך (בײדע זעטצען זיך).

(קעניג, אמבראזי, געפֿאָלגע. חיה אַלס טערקין מיט מעדכען, שמעיה אַלס טערק. חיה זינגט אַלס טערקין).

חיה: מיר די פֿרויען, וועלטעלעך בויען

פאר דעם אללא, אללא.

ביי די טערקען פעהלט אונז קיין שום זאך נישט
אין דעם הארעם איז אונז וואויל און גוט.
מיר האבען אלעם וואס דאס הערץ נור גלוסט,
אנגעליבטער איז אונז זעהר שטרענג פערווערט
גראבען מיר איהם אוים פון אונטער דער ערד,
און דאס לעבען איז ביי אונז פערזיסט.
דאמען־כאר בים

חיה: אין אונזער אזיען א יעדער ווייסט
איז דאס קלימאט היים
און די געליבטען קאכען דארט פעסט
זענען מיר גוטע געסט,
אונזערע מענער הייסער ליעבען,
וויל מיר זענען זייער שאטץ.
און ווי אפט מיר זיי בעטריבען
הערען מיר זיי ווי די קאץ.
ווי אפט פיהרען
מיר די מענער ביי די נעזער
און מיר טרינקען
פוהלע גרויסע גלעזער.
מיר די פרויען וועלטעלאך בויען א. ז. וו.
דאמען בים

כאר: דאנק אללא, אללא, אללא, (חיה און דאמען טאנצען).

שמעיה: אטערק בין איך דערקענט נאר מיך.
נאך מיינע קליידער באלד
איך עס און גיעס
איך ציעל און שים
און מיין לעבען איז דער וואלד.
איך פיהר מיך ווילד,
איך בין דאך מילד,
צו מיינע ווייבער א סך.
פאר זיי איך זארג,
איך לייה און איך בארג,
נישט פעהלען זאל זיי קיין זאך.
און אין רייכען הארעם
איז דאך פרייליך ווארעם,
מיינע ווייבער מיך עמפפאנגען,
ווי דעם מאהאמעד.
און מיר אפיום טרינקען,
ביז אין שלאף פערזינקען.
כאר בים

און מע שלאפט ביז איבערמארגען
מען זאך ווי שפעט
דאן אראווין טערקיש
איך דאנק אללא פאר מיינע גוטע טעג און נעכט
עס אויף ביידע באקען, חלעבען א טערק צו זיין
איז גאר נישט שלעכט. (כאר בים)

II.

אין מיין מעצעט, אללא איך בעט
איך זאל געזונד זיין.
איין אויסנאם איינם, א מיידעלע א שיינם,
זאל וועלען זיין נאר מיין.
אללא מיך הערט
און מיר בעשערט
יעדע וואך א מויד.
איך הייראטהע אפט
נאר איך בין געשטראפט
וואס איך דארף זיי פערזארגען ברויט.
אין מיין רייכען הארעם... (ביז ענדע כאר בים).

איינער:
דא קאמט מיט גרוים פוראר
דער אמבאסאדאר
געשיקט פון סולטאן פריי
פון דעם גרויסען מעכטיגען לאנד טירקיי.

כאר: ווילקאמען זיי גרויסער מאן,
געזאנטענער פון סולטאן.

אויפטריט יוסף, שושנה.

אמבראזי: אים נאמען זיינער מאיעסטעט דעם קעניג, דאנקען מיר
איך עדעלע ריטער און וואהלגעבארענע דאמען.
ווי איהר אלע ווייסט, איז דיעזער באל פעראנשטאלטעט געווארען אלם
דאנק־זאגונג און ערינערונג אן דען טאג, וואס אונזער עדלער מאנארך
איז גערעטעט געווארען, ווען איין שטערבליכער שאס איז אויף איהם
אבגעפייערט געווארען אויף דער יאגד אין די וועלדער דעם עדלען
גראפען פון קאסטיליען, און אום דיעזען באל גאנץ אינטערעסאנט צו
מאכען האט זיינע מאיעסטעט די גיטע געהאבט דיעזען גאלדענען לארבער־
קראנץ אלם פרייז אויסצוזעטצען פיר דער־יעניגע דאמע, וועלכע

ווירד טראָגען די קאָסט-באַרסטע ברילִיאַנטען. האָך לעבע אונזער גע-
רעכטיגער קעניג !

אלע : האָך !

קעניג : מיין עדלער גראַף ! איך האָב אייך צו דיכטער ערנאַנט ,
נון ! האָט איהר שוין איינען ענטשלוס געפאַסט , ווער דיזען
פרייז געוואונען האָט ?

אמבראזי : יאַ מאיעסטעט , מיינער מיינונג נאָך , האָט דעם פרייז
געוואונען די רייצענדע גרעפין העלענאַ , די שוועסטער
דעם גראַפען פערנאַנדרא דע קאַסטיליען (פיהרט זי צום קעניג).

קעניג : איך גראַטולירע די גרעפין , און צור אויספיהרונג פון דיזער
צערעמאָניע , ערנען איך אונזער עדלען גאַסט דען טערקישען
אַמבאַסאַדאָר .

יאזעף : (געהט צו , וויל איהר אָנטהון דעם קראַנץ , דערשרעקט זיך) מיין
גאָט !

קעניג : וואָס איז געשעהן ?

יאזעף : דיזע ברילִיאַנטען ... יאַ קיין אירטהום , איך קען זיי 28 אין
צאָהל 16/ג 317 קאַראַט אין געוויכט , דיזע בריליאַנטען
זענען מיר אוים מיינעם האַרעם געשטאָלען וואָרען , ענטוועדער די
גרעפין האָט זי זעלבסט געשטאָלען אָבער געמיינשאַפטליכעם מיט דעם
רויבער געהאַט , דאָס איינע איז אָבער זיכער , דאָס דיזע בריליאַנטען
זענען מיינע .

קעניג : וואָס האַבען זי דאַרויף צו זאַגען , גרעפין ?

העלענא : איך ווייס ניט , דיזע בריליאַנטען האָט מיין ברודער ...

פערנאנדא : יאַ מאַיעסטעט , דיזע בריליאַנטען האָב איך מיינער
שוועסטער צום פרעזענט געמאַכט , און די גאַנצע
בעשולדיגונג איז לעכערליך .

העלענא : ניין ... עס איזט ... מיין האַרץ ! איך שטערבע ...

קעניג : פיהרט די גרעפין אין צווייטען זאַל און זאָרגען זי פאַר
איהר בעסערונג (געשיהט) אַלזאָ ערקלערען זי אונז גראַף ,
ווי זי קאָמען צו דיזע בריליאַנטען !

פערנאנדא : ביי מיר אין דער פראָווינץ האָט איינע לאַנגע צייט
געוואוהנט איין אַלטער יודע , ביי איהם האָב איך דיזע
בריליאַנטען געקויפט , פיליייכט האָט דער יודע געשטאָהלען , דאָס
קאָן מעגליך זיין .

קעניג : און וואו איז יעצט דער יודע ?

פערנאנדא : איך ווייס ניט , דורך פערשידענע אורזאַכען האָב
איך איהם פון מיין פראָווינץ פעריאָגט , שפעטער

האָב איך עטוואַס געהערט דאָס ער זיינען פערשטאַנד פערלאָרען
האָט .

קעניג : וואַר ניכט זין נאַמען ליב ספרדי ?

פערנאנדא : איך גלויבע זאָ .

קעניג : דיזען יודען קען איך גוט , ווי האַבען איהם אין איהרע
וועלדער געטראָפען אין איינער זעהר טרויעריגען צושטאַנד ,
איך האָב איהם מיט מיר מיטגעבראַכט און דאַנק מיינען לייבאַרצט
גראַף אַמבראָזי , איז דער יודע פאָלקאָמען געזונד ... ליעבער הערר
גראַף , פיהרען זי פאָר איהרען פאַציענטען (אַמבראַזי אב) אַלזאָ זי האַבען
דאָך דעם יודען געוויס בעצאַהלט פיר דיזע בריליאַנטען ?

פערנאנדא : געוויס מיין קעניג (אופטריט אַמבראָזי , ליב).

אמבראזי : זי עראינערן זיך ליעבער אַלטער , דאָס איך האָב אייך
אַ איבעררראשונג פערשפראָכען , ווען זי ווערדען פאָלקאָם
געזונד ווערען , יעצט וויל איך מיין וואָרט האַלטען (נעהמט דאָס קעסטעלע
ביים קעניג , צייגט איהם).

קעניג : ווערדען זי דען יודען ערקענען ?

פערנאנדא : גאַנץ בעשטימט , מיין קעניג .

ליב : (האַפּט עס) מיינע ... מיינע בריליאַנטען , וואָס טוהט זיך דאָ מיט מיר ?
שלאָף איך צו בין איך וואַך ? איך דערמאָן מיך ווי אין אַ חלום !

קעניג : איז דאָס דער יודע ?

פערנאנדא : איך גלויבע , [illegible] .

ליב : מיין גאָט , דיזע שטימע .

קעניג : ווי פיעל אַלזאָ האָבען זי איהם בעצאָהלט ?

ליב : שורקע ! ווי שעהמסטו דיך ניט בעהויפטען אין געגענוואַרט
פון אונזער עדלען קעניג , דאָס דו האָסט מיר פאַר די בריליאַנ-
טען בעצאָהלט , וועהרענד דו האָסט מיך אַזוי רויבעריש בעהאַנדעלט ,
מיך געמאַטערט , געשלאָגען , געראויבט אין אויך אין קעלער אַריינ-
געוואָרפען .

קעניג : וואָס האַבען זי דאַרויף צו זאגען , ליעבער גראַף ?

פערנאנדא : דער יודע איז וואַהנזיניג און זאָגט ליגען ווי אַהונד .

יאזעף : עס איז אַלעס וואַהר , האָבען זי ניכט אין דער געגענוואַרט
פון זיינער טאָכטער מודה געוועזען , דאָס זי האָבען די
בריליאַנטען , און ווערדען דאַן צוריק געבען ווען זי ווירד איינווילליגען
איהרע מעטרעסע צו זיין ?

פערנאנדא : שענדליכע פערליימדונג , דומער טירקע ! ווער בינסטו ?

יאזעף: איך בין דער ברוידער פון דאס פערכען, וועלכע דו האסט שענדען וואלען, איך בין דער יודע יאזעף (ווארפט ארונטער זיין בארד).

שושנה: (דעמאסקירט זיך) און איך זיינע ברוט שושנה.

חיה: איך מוז רעדען, אבער איך וועל צוטראסקעט (קניעט), ליעבער קעניג, איך ווייס דאס דער נאבלער גראף האט אבגעמאכט מיט איין געהיימען בונד דיך, קעניג, צו טוידטען און פערחאפען די קרוין.

שמעיה: און ער איז ניט געוועזען פויל, און האט אונזער ליעבען קעניג געשאסען מיט א קויל, און דערפאר זאגט שמעיה, אז דער מאשעניק, האט פערדינט סקילה, שריפה, הרג וחנק.

פערנאנדא: שרעקליך! זא איין פערפליכטעס יורען-געזינדעל ערלויבען זיך מיינע עהרע מיט פיסען צוטרעטען און דו מאיעסטעט, ערלויבסט עס?

ליב: ווען דער נאבלער הער גראף דרינגט זא אויף זיין עהרע, אזוי וויל איך בעטען, מען זאל איהם ניטיגם פארלעזען דאס פאפיער, וועלכעס ער האט בעגראבען אין וואלד.

שמעיה: און איך האב עס פון דארט ארויסגעגראבען.

חיה: און איך האב עס ביי איהם ארויסגעגנבה'ט.

קעניג: וואס איז דאס? גראף אמבראזי לעזט עס ניטיגם פאר.

אמבראזי: (לעזט) „וויר, די אונטערצייכענטע פערפליכטען זיך דעם גראף פערנאנדא דע קאסטרא צום קעניג פון שפאניען צו קריינען, פאלס ער זעלבסט ווירד דעם קעניג דורך איינען שאס טוידטען".

קעניג: נון? וואס זאגען זי יעצט?

פערנאנדא: מיין עדלער קעניג! עס איז וואהר, דאס איך האב איהם אוים מיינען דארף פעריאגט, וויל ער האט שטעטס זיינע ראטען ניט געצאהלט, צווייטענס, האט ער אלע איינוואהנער בעשווינדעלט. דארום האבען די, איינען שענדליכען פלאן אויסגעטראכט, אום מיך צו פערלייטמדען, אבער וועל ווייסט עס נאך בעסער אלס דו, מיין קעניג, דאס די יורען זענען איין שענדליכעס געזינדעל פון וואוכערער און שווינדלער.

ליב: פערעטער! דו בעשולדיגסט מיין אונגליקליכעס פאלק, און פערגעסט דאס אין דער זעלבען צייט, ווען דו האסט אויף אונזער גוטען קעניג געשאסען, האבען די שווינדלער, זיינע וואונדען געוואשען און געפלעגט!? אהנע צו וויסען דאס עס אונזער קעניג איז, האבען די שווינדלער געריסען, געשענדעט זייער היייליגען סימבאל, דעם טלית, אום איינען מענשען דאס לעבען צו רעטען. גיעב

אקוק אין יעדען לאנד וואו מיינע ברידער וואהנען, זענען זיי טריי דאס לאנד, פאר וואס? וויל ער האט ליעב דאס לאנד וואו ער איז געבוירען, גיעב אקוק אויף די לענדער וואו מען קוועלט זיי ווי די שאף, זייערע קינדער צורייסט מען לעבעדיגער-הייט פאר זייערע מוטערס אויגען, זייערע פרויען שענדעט מען עפענטליך אין די גאסען און זיי ווילען פון דארט זיך נישט ארויסריהרען; וויל זיי האבען ליעב דאס לאנד, וואו זיי זענען געבארען, מען לאזט זיי צו קיין מסחר נישט צו און דאך פערשפרייטען זי, האנדעל, אינדוסטריע אויף דער גאנצער וועלט, זייערע קינדער לאסט מען אין קיינע שוהלען און דאך פערשפרייטען זיי ליכט, בילדונג אין דער גאנצער וועלט, הא! דאס איז אזא געהיימניס וואס דו גראף קענסט ניט פערשטעהן. איז אבער די דערע פון שווינדלער און בעטריגער, זא זענען עס נישט די יודען זאנדערן דו און נאך טויזענדער ווי דו בייסט.

קעניג: פערנאנדא פון קאסטיליען! אין געגענווארט פון גאנצען הויף, ביזטו ענטווירדיגט פון ראנג און טיטעל. שליסט איהם אין קייטען און פיהרט איהם אינ'ס געפענגניס... דער אלטער ספרדי זאל געאדעלט ווערען. און אלע זיינע נאכקאמען זאלען פריי צוטריט האבען אין קעניגליכען הויף.

אמבראזי: האך לעבע דער גערעטעטער קעניג!

אלע: האך! האך!

ליב: (קניעט) אויביג וועל איך צוזאמען מיט מיינע אונגליקליכע ברידער גאט בעטען פאר דאס לעבען פון אונזער געקרעלטען הערשער.

באר:
האך זאל לעבען אונזער קעניג ווינשען מיר.
מיט פריידע גראטולירען קאמען אלע היער
יא בעגריסען מיט געזאנג,
און מיט שעהנע הארפען קלאנג
ווינשען מיר אלע יעצט
דו ביזט ביי אונז געשעצט.
יא בעגריסען מיט געזאנג
און מיט שעהנע הארפען קלאנג
האך זאלסטו לעבען
יא לעבען נור לאנג, לעבע לאנג!

שמעיה חיה:
ר' יודיל אליערע'
מעגסט זינגען ווי יעדער איינער
דיין שיינקייט דיין ריינקייט
דיין הכמה האט נישט קיינער.
מיט דיין גייסט ביסטו גרויס,

ביזט דער וועלט אַ לעהערר
מען שעצט דיך ניט, מען לאַכט דיך אויס
האסט קיין פערעהרער.

כאר: הורא! הורא! מיט האַרפּען קלאַנג
הורא! הורא! נאָר מיט געזאַנג,
הורא! הורא! דער קעניג לעבע לאַנג יאַ.
הורא! הורא! מיט האַרפען קלאַנג.
הורא! הורא! הורא! זאָל לעבען.
יאַ לעבען לאַנג, לעבע לאַנג.

יאזעף: דאָס טלית׳ל איז דאך דאָס איינציגע קלייד,
ביי דעם יודען אין זיין ליידען און פרייד.
פון זיין געבורטסטאַג ביז אין קבר
געהט עס מיט איהם מיט
ווערט איבעראל געיאָגט,
זיין לעבען איז געפּלאָגט.
אַלעס וואָס ער פערטאָגט
נעמט מען צו ביים איהם,
אַלעס אַלעס נור דעם טלית,
דאָס נעהמט מען ניט.

פאָרהאַנג.

!!! וויכטיג פאר ארטיסטען און אמאטארען !!!

אין אונזער ספעציעלען פערלאַג „יודישעס טעאַטער-ביבליאָטעק" געפינט זיך אויסער דעם גרעסטען אויס-וואַהל פון אַלע טעאַטער-שטיקע אויך צענזורקעס און נאָטען פאַר אָרקעסטער און כאָר

די פרייזען לויט דעם ווערטה פון יעדעס שטיק זענען זעהר מעסיגע.

בעשטעללונגען ווערען אַרויסגעשיקט זאָפאָרט, נאָכן עמפּפאַנג אַ געוויסער סומא האַנדגעלד.

עס איז ערשינען די בעריהמטע אפערעטע פון י. גארדין.

„די שעהנע מרים"

מוזיק פון מאַגעלעסקא, פרייז 30 קאָפּ.

Книж. маг. Издат. „Явне“ Варшава, Дикая 13.

פערלאגס-בוכהאנדלונג יבנה.

ספּעציעלע בוכהאַנדלונג פאַר יודישע ליטעראַטור, קונסט, געשיכטע, אין-וויסענשאַפט אין העברעאישער, זשאַרגאָנישער, פּוילישער און אַנדערע שפראַכען.

גרויסער אויסוואהל

פון: לעהר-ביכער און מעטאָדעס צו ערלערנען העברעאיש, רוסיש, פּאָלניש, דייטש, ענגליש און אַנדערע שפראַכען. פערשידענע יודישע בילדער, אנזיכטס-קאַרטען, און אַלבומ׳ס, — יודישע נאָטען פאַר פּיאַנאָ און פּיעדעל פון אַלע יודישע טהעאַטער-פּיעסעס, ניגונים טענץ א. ז. וו.

אלע ביכער פון די פערלאַגען: אחיאסף, תושיה, מוריה, האור, פּראָגרעס, די וועלט, צוקונפט, חרות, המון, קאַמפף און אַנדערע.

!!!וויכטיג פאר פראווינציעלע בוכהענדלער פעראיינען און ביבליאטהעקען !!!

כדי צו געבען די מעגליכקייט פּראָווינציעלע בוכהאַנדלונגען פעראיינען און ביבליאָטהעקען אַלעס אין איין אָרט און ·צור צייט צו בעקומען — האָבען מיר אויסער אונזער אייגענע אויסגאַבען קאָנצענטריט ביי אונז אין בוכהאַנדלונג זעמטליכע אויסגאַבען וואָס ערשיינען אין די לעצטע צייט, יעדער קונדע ווערט אויפגעפּאַסט און גלייך נאָכ׳ן עמפּפאַנג פרישער ביכער און בראָשורען ווערט יעדען געשיקט לויט זיין בעדארף.

!!! די בעסטע בעדינגונגען !!!

בעהאַנדלונג, שטרענג רעעל און פּינקטליך

Книжный магаз. издат. „ЯВНЕ“
Варшава Дикая 13, тел. 192,76.

קאטאלאג פון די בעסטע נייע טעאטער שטיקע.

		פרייז קאפ'
אייבּינער יוד, אחשור,	ה. הייערמאַנס	7
אייבּינע ליער,	ס. אַרנשטיין	12
אוריאל אַקאָסטא,	י. לערנער	25
אחשורוש,	א. גאָלדפאַדען	20
אידישער פּרינץ,	נ. שייקעוויץ	20
אלנעמיינער סטרייק,	ה. שטיפּט	15
אפעריקאנער אַרבייטער	יעקב טער	10
אשה רעה,	י. לאַטיינער	25
אינשע מאיר צו די וואַהלען,	ס. ווידרעוויץ	6
אסתריקע,	ה. עפעלבערג	25
באבע מיט'ן אייניקעל,	א. גאָלדפאַדען	20
בית דוד,	ס. האָראָוויץ	25
בן הדור,	הורוויץ	25
בלימעלע,	י. לאַטיינער	25
בר כוכבא,	א. גאָלדפאַדען	25
געברידער לוריע,	י. גאָרדין	25
גאָט מענש און טייפעל,	י. גאָרדין	30
דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ,	א. גאָלדפאַדען	20
ד[illegible],	שליפערשטיין	25
דבורה'לע מיוחסת,	י. גאָרדין	20
דוד אין דער וויסטע,	ה. עפעלבערג	20
דודים פּירעלע,	י. לאַטיינער	25
דער קאמף,	ה. שטיפּט	15
אדמה די חלוצה,	ש. בעקערמאַן	25
השרצעלע מיוחס,	ס. ריכטער	25
דער ווילנער בעל הבית'ל,	ס. אַרנשטיין	30
ווילדע פּרינצעסין,	י. גאָרדין	30
דער ווילדער מענש,	י. גאָרדין	25
זשידאָווקא,	י. לערנער	25
חאשע די יתומה,	י. גאָרדין	30
חינקע און פּינקע,	י. לאַטיינער	25
טאַטע מאַמעס צרות,	ל. נעבעל	20
יהודית און אליפערנוס,	י. לערנער	20
די יודען,	י. טשיריקאָוו	35
די וועבער,	הויפּטמאַן	15
דער הונגער,	ס. יושקעוויטש	25

		פרייז קאפ'
חנוכה, היסטאָרישע דראַמע.	י. לערנער	25
מאַמאָן דער געלד-גאָט,	י. לאַטיינער	25
קעניג הורדוס,	ד״ר לאַנדא	80
יודישער קעניג ליר,	י. גאָרדין	25
די לעצטע חשמונאים,	י. ל. וואַהלמאַן	25
דער אינטעליגענט,	פּרץ הירשביין	25
גליקס-פּערגעסענע,	ד. פּינסקי	7
כישוף מאַכערין (צויבערין).	גאָלדפאַדען	25
כל נדרי,	א. שאַרקאַנסקי	20
לא תחמוד,	א. גאָלדפאַדען	25
מירעלע אפרת.	י. גאָרדין	30
מליץ יושר (רבי יאָזעלמאַן).		20
מעדעא,	י. גאָרדין	20
משיח'ס צייטען,	ש. אַש	35
עקדת יצחק,	א. גאָלדפאַדען	25
עתליהו.	ם. הורוויץ	25
פאַמיליע צבי.	ד, פּינסקי	12
צוזייט און צושפּרייט,	שלום-עליכם	30
צווייטער המן.	נ. שייקעוויץ	25
קאַבצענזאָן און הונגערמאַן,	א. גאָלדפאַדען	20
קוני לעמל,	א, גאָלדפאַדען	20
רעפּעטיציע,	א. רייזען	7
שולמית,	א. גאָלדפאַדען	25
שוועסטער,	י. ל. פּרץ	15
שלום בית,	ם. ריכטער	25
שלמה נאָרגעל,	ם. לאַטיינער	25
שמענדריק,	א. גאָלדפאַדען	20
שפּאַנישע אינקוויזיציע.	נ. שייקעוויץ	20
חפני ופנחס,	א. שאַרקאַנסקי	25
משה חייט.	ם. ריכטער	25
שרה שיינדיל,	י. לאַטיינער	25
זשאַן און מאַדלענא,	אָ. מירבאָ	20
סאפהא,	י. גארדין	30
גאָט פון נקמה,	ש. אַש	50
שמע ישראל,	דימאָוו	25
קרייצער סענאַטאָ.	י. גאָרדין	25

Книжн. маг. „Явне", Варшава, Дикая 13, Телефонъ № 192,76.